THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
SEP 19
ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATIONS

A JEWISH CANADIAN DAILY Circulated All Over CANADA And Abroad

The Daily Hebrew Journal

דער אידישער זשורנאל

פאליטיש אונאפהענגיג נאציאנאל

א צייטונג וועלכע ביט פרייהייט פון אויסדרוק צו אלע שיכטען.

VOLUME XVIII No 7674 · Wednesday, September 16, 1931 · יום ד׳, ה׳ תשרי, תרצ״ב. · טאראנטא, מיטוואך דער 16־טער סעפטעמבער, 1931. · PRICE THREE CENTS

דייטשע רעגיערונג פארדאמט מיט שארפסטע ווערטער די פאגראמען; גאנדהי פאדערט פולשטענדיגע אונאפהענגיגקייט פאר אינדיע

אידישע טעלעגראפען אגענטור אפיציעל געבעטען פון דער דייטשער רעגירונג צו פארעפענטליכען די דאזיגע פאר־דאמונג. — אידישע קהלות אין דייטשלאנד באטראכטען פלאן צו פאדערען צוזאמען מעהרער שוץ פון דער רעגירונג פאר אידען אין די שוהלען.

בערלין, סעפט. 15, (איטא).

די „אידישע טעלעגראפען אגענטור" איז היינט באאויפטראגט געווארען פון דער אפיציעלער רעגירונגס הויפט־קווארטיר, צו דערקלעהרען אז די דייטשע רעגירונג פארדאמט מיט די שארפסטע ווערטער די אטאקעס וואס זענען געמאכט געווארען אויף אידען אום ראש־השנה, בעת זיי זענען געגאנגען פון שוהל.

ווען די פאליציי האט געמאכט אן אונטערזוכונג אין דער היטלעריסטישער הויפטקווארטיר אין העדעמאנשטראססע, האט זי געפונען מאסען מיט מאטעריאלען וועלכע דעקען זעהר קלאהר אויף, אז דער ראש־השנה פאגראם, איז געווען א פארזיכטיג אויסגעפלאנטער פון פריהער.

דער נידעריגערער דייטשער געריכט האט זיך היינט אנטזאגט צו ארויסטראגען א משפט געגען די 22 פאשיסטישע כוליגאנעס וועלכע האבען זיך באטייליגט אינ'ם פאגראם אויף אידען אום ראש־השנה. דאס געריכט האט דערקלעהרט, אז אזעלכע ערנסטע קייסעס, וואו די רוהע און ארדנונג פון לאנד איז געשטערט געווארען אין געפאהר, מוזען באטראכט ווערען פון א העכערען געריכט, און דעריבער האט דער פאלקס פראקוראר איצט איבערגענומען די אנקלאגע געגען זיי.

א פאדערונג פאר א באלדיגער קאנווענשאן פון פארטרעטער פון דער קהלה צו באטראכטען מיטלען ווי אזוי צו באשיצען אין דער צוקופט די שוהלען, זענען געמאכט געווארען פונ'ם קהלה פרעזידיום פון דער אידישער פאלקס־פארטיי.

די פאדערונג שטרייכט אונטער די אונזיכערהייט פאר אידען, און שלאגט פאר, אז עס איז נויטיג צו פאדערען פון דער רעגירונג א גאראנטי פאר אידישער באשיצונג.

א סך פון די צושלאגענע און די קאפע אייגענטימער וועלכע האבען געליטען געלטליכע פארלוסטען, וועלען מאנען דער פאליציי פאר באגיטיגונג דערפאר וואס די פאליציי האט ניט גענומען די נויטיגע שריט געגען די ארגאניזירטע פאגראמען וועלכע זענען אין פאראדים געפלאנט געווארען.

עראפלאן מיט דייטשיש־פארטוגעזישע פליער פארלוירען ווי אין וואסער

ניו יארק, סעפט. 15.

די צוויי דייטשע און איין פארטוגעזישער פליהער וועלכע זענען מיט א פאר טעג צוריק געזעהן געווארען ארום האליפאקס, זענען אזוי ווי אין וואסער אריין, און דער גאנצער געגענט וואו זיי זענען געזעהן געווארען, ווערט איצט געזוכט פון שיפען און עראפלאנען. זיי האבען געזאלט זיין אין ניו יארק נאך מיט 2 טעג. צוריק.

קיני, ניו־הייווען, סעפט. 15.

א גרויסער עראפלאן, פליהענדיג הויך און פליהענדיג נאך ניו יארק, איז היינט 12 אזייגער בייטאג געזעהן געווארען פארבייפליהענדיג דורך דאנען.

מען גלויבט אז עס איז אפשר דער עראפלאן פון די דייטשע און דעם פארטוגעזישע פליהער, ווילי ראדי, כריסטען יאהאנעסעם און פערנאנדא קאסטא וויענא.

שטארקער שטורם אין רומעניע

בוקארעסט, סעפט. 15.

פיער פערזאן זענען געטויט געווארען און א סך זענען פארוואונדעט געווארען פון א שטארקען שטורם וועלכער האט געטראפען דאס שטעדטעל טימישארא, וועלכעס געפינט זיך אינ'ם מערב טייל פון לאנד. דעכער זענען ארונטערגעריסען געווארען פון הייזער און ביימער זענען אויסגעווארצעלט געווארען.

מאב וויל לינטשען מערדער פון קינד

בינגהעמטאן, נ. י., סעפט. 15.

צוליעב דעם וואס דער 42 יאהריגער מאן מאוז דזשאנסאן האט זיך מודה געווען אז ער האט דערמארדעט דאס 7 יאהריגע מיידעלע מערי עליזאבעט עווערעטס, האט א מאב איהם געוואלט היינט ארויסשלעפען פון דזשייל און איהם לינטשען.

גינסטיגע ענטשיידונג פאר קאנאדער גרעניץ איינוואוינער

דעטראיט, סעפט. 15.

הונדערטער קאנאדער איינוואוינער וועלכע זענען ביז איצט פארבאטען געווארען צו אריינקומען אין די פאראייניגטע שטאטען וועלען איצט דערלויבט ווערען צו אריינקומען אלס „קאמיוטערס" (אזעלכע וואס געהען אריין בלויז צייטווייליג) אלס רעזולטאט פון א באשלוס פון דעם יונייטעד סטייטס ריכטער טשארלז סי. סיימאנס.

ריכטער סיימאנס האט נעכטען געפסק'ענט געגען דעם אימיגראציאנס דעפארטמענט, אין דער קיים פון פלארענס מיטשעל פון ווינדזאר, אנט., וועלכע האט אנגעהויבען אריבערגעהן אין דעטראיט נאך אין יאהר 1922.

דער אימיגראציאנס דעפארטמענט פלאנעוועט איצט צו אפעלירען די ענטשיידונג פונ'ם ריכטער.

נאך צייט פאר אייער
לשנה טובה באגריסונג

אויב איהר האט פארפעהלט צו באגריסען אייערע פריינט אין דעם ערב ראש השנה נומער פון "אידישען זשורנאל", האט איהר נאך א געלעגענהייט דאס צו טאן.

ווינשט אייערע פריינט א

א גמר חתימה טובה

דורך אונזער ערב יום כפור נומער, וועלכער וועט דערשיינען זונטאג דעם 20־טען סעפטעמבער.

טוט עס היינט. קומט אין אפיס אדער טעלעפאנירט א־אונזער פארטרעטער וועט צו אייך קומען:

טעלעפאנירט טריניטי 6830 / 6837

פרישע כוואליע פון אנטיסעמיטישע באוועגונגען איבער גאנץ רוסלאנד

מאסקווע, סעפט. 15, (איטא).

א באנייטער אנטיסעמיטישער אויסברוך אין פארשידענע פראווינצען, זענען באריכטעט געווארען אויף א ברייטען אופן אין דער סאוויעטישער פרעסע, „פיטשורענדיג" הויפטזעכליך דעם העסליכען אנפאל אויף אידען אינ'ם שטעדטעל מיסקאהר אין קריעם, וואו א אידישער פאטאגראפער, בענדיצקי, איז ברוטאל צושלאגען געווארען פון אנטיסעמיטען.

די פאליציי איז ניט אנגעקומען פאר דריי שטונדען, און ווען זי איז שוין יא אנגעקומען האט זי גאר זיך גענומען ארעסטירען דעם באוואוסטלאזען בענדיצקי.

די אנדערע אנטיסעמיטישע פאלען זענען פון צוויי אידישע מיידלאך, 16 יאהר אלט, עפשטיין און סאפאזשניקאוו, וועלכע זענען געווען באשעפטיגט ביי דער ווייס־רוסישער אייזענבאהן.

זיי זענען געצוואונגען געווארען פון דעם קאמוניסטישען פארמאן צו טאן די שווערסטע, שמוציגסטע ארבייט, אויסער דעם זענען די אנדערע אידישע ארבייטער אויף דער אייזענבאהן העכסט ברוטאל באהאנדעלט געווארען.

די לאקאלע קאמוניסטישע פארטיי און די פראפעסיאנעלע יוניאן האבען פארקוקט דעם טעראר וועלכער איז אנגעפיהרט געווארען געגען די אידען, ביז דער דיסטריקט קאמישאנער האט זיך אריינגעמישט און האט אויסגעשלאסען דעם פארמאן פון דער פארטיי.

די קאמסאמאלסקאיא פראוודא'' באקלאגט זיך, אז די עלטערען שטעקען אן זייערע קינדער מיט'ן אנטיסעמיטישען גיפט, און צוליעב די העצעס פון די עלטערען שלאגען די קריסטליכע קינדער די אידישע.

א ריכטער צו וועמען איין קייס איז פארגעבראכט געווארען האט זיך אנטזאגט צו משפט'ן. דאס זעלבע אויך אין דער רויטער ארמיי קומען פאר אפטע פארלוימדונגען אויף אידען, דערפאר אבער האבען די מיליטערישע אויטאריטעטען אנגענומען די שטרענגסטע מיטלען געגען די אנטיסעמיטען, דערקלעהרט די סאוויעטישע פרעסע.

נייטען פיליפס איז ניט געוועזען געגען דעם שלאכט־הויז

פאר דער סיוויק פראפערטי קאמיטע איז נעכטען פארגעבראכט געווארען א פארשלאג וועלכער איז געמאכט געווארען פון אלדערמאן העררי האנט, צו דערלויבען אויפשטעלען א שלאכט־הויז אין דעם הינטערשטען טייל פון 22 אגוסטא עוו.

דורך א טעות האט זיך געשאפען דער איינדרוק, אז דער אידישער אלדערמאן נייטען פיליפס איז געווען געגען אזא דערלויבעניש. דער אמת איז, אז ער האט בלויז פארלאנגט דאס די שכנים פון דעם הויז זאל געגעבען ווערען די פריווילעגיע צו אויסדריקען זייער מיינונג אויב זיי זענען צופרידען צו האבען א שלאכט־הויז לעבען זיך אדער ניט.

היינט קומט פאר א מיטינג פון דער באארד אף קאנטראל, און ביי דעם דאזיגען מיטינג וועלען די שכנים וועלכע זענען געגען אדער צום גונסטען קענען דערקלעהרען זייערע מיינונגען.

מאכט שווערע אנקלאגע געגען פאליציי

אין דזשענעראל סעשאנס געריכט פאר ריכטער דענטאן, און א דזשורי איז אן ערנסטע אנקלאגע געגען דער טאראנטאר פאליציי און דעטעקטיווס געמאכט געווארען פון דעם 20־יאריגען ארעסטאנט דזשאזעף איוואן, וועלכער ווערט געמשפט פאר א צאהל גנבות און פאר איינברעכען זיך אין א צאהל טאראנטאר הייזער.

איוואן האט דערצעהלט, אז ער האט גע'חתמ'עט דעם וידוי ווייל ער איז מערדערליך געשלאגען געווארען פון די דעטעקטיווס, און אז „טהורד דיגרי'' מעטאדען זענען גענוצט געגען איהם געווארען. ער זאגט אז ער וואלט אפילו זיך מודה געווען אויף א מארד נאך אזעלכע קלעפ.

דער פארהער איז צייטווייליג אפגעלייגט געווארען.

הונדערט מענשען אומגעקומען אין האנדוראס

טעגוציגאלפא, האנדוראס, סעפט. 15.

לויט ווי עס איז היינט באריכטעט געווארען, זענען 6 שיפען פארלוירען געגאנגען אין בריטיש האנדוראס, און 100 מענשען זענען אומגעקומען. דאס איז פארגעקומען אין פארלויף פונ'ם שטורם.

טעלא, האנדוראס, סעפט. 15.

גאילס טאגגארט, דער אמעריקאנער קאנסול אין בעלאיז, איז היינט געשטארבען אלס רעזולטאט פון די וואונדען וואס ער האט באקומען אין פארלויף פונ'ם הורריקאן.

מאטראזען אין ענגלאנד בונטעווען זיך געגען רעגירונג

לאנדאן, סעפט. 15.

מען האט זיך היינט דערוואוסט פון א סטייטמענט וועלכער איז פארעפענטליכט געווארען פון דער בריטישער אדמיראליטעט, אז צוליעב דעם באשלוס פון דער רעגירונג צו שניידען די וויידזשעס פון די מאטראזען און אנדערע נייוויי־אנגעשטעלטע, בונטעווען זיך די מאטראזען, און די סיטואציע איז אפילו געווארען ערנסט.

צוליעב דעם האט די רעגירונג פארארדענט צו אפשטעלען די נייווי מאנעווערעס, און אז אלע שיפען זאלען זיך צוריק אומקעהרען אין די האפענס, כדי אן אונטערזוכונג זאל געמאכט ווערען.

שווערע צייטען פאר הייראט־קאנדידאטען אין טערקיי

איסטאמבול, טערקיי, סעפט. 15.

דער מיניסטעריע ראט אין אנגארא האט געשאפען א נייעם געזעץ, לויט וועלכען אלע פערזאנען וועלכע ווילען חתונה האבען, מוזען פריהער באקומען א סערטיפיקאט פון א מוניציפאלען דאקטאר וועגען זייער גייסטיגער און פיזישער געזונטקייט און פאסיגקייט פאר דעם הייראטס־צוועק.

באיקאט קאמפיין געגען אידען אין פוילען

ווארשע סעפט. 15, (איטא).

א שטארקער קאמפיין צו באיקאטירען די אידישע הענדלער איז היינט ווידער אנגעהויבען געווארען פון דער „גאזעטא ווארשאווסקא'', וועלכע שרייבט, אז די איצטיגע שווערע צייטען פון וועלכע דאס פוילישע פאלק ליידט, זענען ניט א רעזולטאט פון עקאנאמישער דעפרעסיע אדער פון דער שווערער משא פון שטייערען, נאר הויפטזעכליך צוליעב אידישער קאמפעטיציע.

טעות אויסבעסערונג

מיר באדויערען דעם טעות וועלכער איז אריינגעפאלען אין דעם אנאנס פון משרד ועד הרבנים, אין וועלכען דער נומער 30 קענזינגטאן עוועניו ווערט דערמאנט, וואו עס וואוינט מר. יאמאלינסקי.

אין 30 קענזינגטאן עוועניו געפינט זיך ניט קיין שלאכט־הויז, און דארטען ווערען קיין עופות פון סטרייק־ברעכערישע שוחטים ניט געשאכטען.

שטעלט ארויס 7 פונקטען אין [illegible], וועלכע וועלען געוויס ניט נאכגעגעבען ווער[illegible] בריטישער רעגירונג. — גאנדהי וועט ווארשיי[illegible] איינגעהן אויף קאמפראמיסען, אנדערש וועט די קאנפערענץ זיכער זיין א דורכפאל. — פאדערט אינדיע זאל זיין גלייכער שותף.

N Y Public Library
476 Fifth Ave
NEW YORK N Y

לאנדאן, סעפט. 15.

מאהאטמא גאנדהי, דער פיהרער פון די נאציאנאליסטען אין אינדיע, האט היינט גערעדט קלאהר'ע ווערטער ביי דער צווייטער אינדישער רונדער טיש קאנפערענץ וועלכע איז דא נעכטען דערעפענט געווארען.

איבערגעבענדיג די פאדערונגען פון די צעהנדליגער מיליאנען נאציאנאליסטען, צו דער פעדעראל סטראקטשורס קאמיטע — אדער די קאמיטע וועלכע דארף אויסארבייטען די קאנסטיטוציע פאר אינדיע — האט גאנדהי דערקלעהרט, אז די אינדישע נאציאנאליסטען וועלען זיך ניט צופרידענשטעלען ביז זיי וועלען באקומען פולע מאכט אלס א זעלבסט־רעגירענדע לאנד.

ער האט דערקלעהרט, אז אינדיע איז צופרידען צו פארבלייבען אויף ווייטער א שותף פון ענגלאנד — אבער, אלס א גלייכער שותף, מיט יעדער רעכט צו מעגען זיך אפרייסען ווען זי געפינט עס פאר נויטיג.

גענוי באשטעהט זיין פאדערונג וואס ער האט ארויסגעשטעלט ביי דער קאנפערענץ, פון די פאלגענדע פונקטען: 1) פולשטענדיגע אונאפהענגיגקייט פאר אינדיע; 2) אינדיע גופא זאל האבען דעם פולען קאנטראל איבער די פינאנצען פון לאנד; 3) אויסלענדישע ענינים און די נאציאנאלע פארטיידיגונג זאל זיין אונטער'ן אויפזיכט בלויז פון אינדיע; 4) ענגלאנד זאל באצאהלען דעם גרויסען חוב וואס זי האט זיך פארשולדיגט דורך דער בריטישער אדמיניסטראציע אין אינדיע אין פארלויף פונ'ם פארגאנגענעם יאהרהונדערט; 5) דאס רעכט פאר אינדיע צו אפרייסען זיך פון ענגלאנד; 6) די אינדישע רעגירונג זאל האבען פולשטענדיגען קאנטראל איבער די מינעראלע רייכטימער, און 7) אז א פראהיבישאן אויף שטארקע געטראנקען זאל איינגעפיהרט ווערען.

עס ווערט פארשטאנען, אז אויב גאנדהי וועט בלייבען פעסט ביי די דאזיגע 7 פאדערונגען, וועט די איצטיגע קאנפערענץ צו גארניט פיהרען. מ'גלויבט אבער אז גאנדהי איז גרייט אויף קאמפראמיסען, ווייל איהם איז שוין מיאוס געווארען דאס בלוט־פארגיסען. מען דערווארט, אז דער געוועזענער וויצע־קעניג, לארד אירווין, וועט זיין דער פארמיטלער צווישען גאנדהי'ן און דער בריטישער רעגירונג.

די רעדע וואס גאנדהי האט היינט געהאלטען ווערט באטראכט אלס די וויכטיגסטע פון זיין גאנצער קאריערע. ער האט דערקלעהרט, אז ער וועט זיך מעהר ניט לאזען צו פארבלענדען זיך די אויגען פון אן אפמאך „וועלכער לייגט זיך אנגענעהם אויפ'ן פאפיער, אבער וועלכער מיינט גארניט אין פראקטישען לעבען''.

אידישע אגענטור וויל ניט באשטימען קיין ראט־געבער וועגען דעם אנטוויקלונגס פלאן

ירושלים, סעפט. 15.

טראץ דער באקאנטמאכונג, וועלכע איז ניט לאנג צוריק געמאכט געווארען, אז די בריטישע רעגירונג האט באשלאסען צו אפלייגען דעם געזעץ וועגען פארבאט צו פארקויפען לאנד פאר אידען אין פאלעסטינע, פונדעסטוועגען האט די אידישע אגענטור דא זיך נאך אלץ אנטזאגט צו באשטימען א אידישען ראט־געבער אדער אפיציעל צו באטייליגען זיך אינ'ם 12 און א האלב מיליאן דאלאר ענטוויקלונגס פלאן.

דאס געזעץ וועגען פארבאט פון לאנד פארקויף איז ביז איצט געווען די הויפט אפהאלטונג פאר וואס די אגענטור האט זיך אנטזאגט צו באשטימען א ראט־געבער צו דעם דירעקטאר איבער'ן ענטוויקלונגס פלאן, לואיס פרענטש, וועלכער איז געשיקט געווארען צו אויסארבייטען אלע דעטאלען וועגען דעם פלאן.

די אראבער האבען שוין אפיציעל באקאנטגעמאכט, אז זיי וועלען באיקאטירען דעם פלאן, ווייל זיי באטראכטען איהם אלס פאליטיש ניט ווינשענסווערט.

לאנדאן, סעפט. 15, (איטא).

דער אנטוויקלונגס פלאן פאר פאלעסטינע איז היינט צום ערשטען מאל אויפגעהויבען געווארען פאר דער נייער רעגירונג, אבער כאטש דער רעגירונג'ס ענטפער איז ניט קיין באשטימטער, פונדעסטוועגען קאן ער אויסגעטייטשט ווערען אז עס מיינט דאס די רעגירונג האט און זינען צו פארזעצען די אונטערזוכונג פאר דעם צוועק וואס דער דירעקטאר לואיס פרענטש מאכט איצט אין פאלעסטינע.

אין דער זעלבער צייט וועט עס נויטיג זיין אז דער פארלאמענט זאל געבען זיין גוטהייסונג פאר די 12 און א האלב מיליאן דאלאר וואס איז נויטיג אונטער'ן קאלאניזאציע ענטוויקלונגס פאנד, וועלכעס איז אליין רעדוצירט געווארען מיט א פערטעל מיליאן פונט אינ'ם נייעם עקאנאמיע בודזשעט.

דרייצעהן יאהריג מיידעלע געקידנעפט

טארענס, סעפט. 15.

א 13 יאהריג מיידעלע מיט'ן נאמען רובי העמילטאן, איז היינט געקידנעפט געווארען פון 2 מענער און 2 פרויען, וועלכע האבען זי אריינגעווארפען אין אן אויטאמאביל און זענען מיט איהר אנטלאפען.

אלע מיטגלידער פון ברענטש 485 ארבייטער רינג

ווי אויך אלע מיטגלידער פון אנדערע ארבייטער רינג ברענטשעס ווערען אויפגעפאדערט צו קומען צו דער לויה פון

ב. רייכמאן (ריטשמאן) ע״ה

וועלכע וועט פארקומען היינט 4.30 נאכמיטאג, פון 206 נארטקליף בולווארד.

אלע מיטגלידער ווערען אויפגעפאדערט זיך צו פארזאמלען 5.30 פארנאכט ארום דער מינסקער שוהל, סט. ענדרו סטריט.

קלאוק פרעסער יוניאן לאקאל 92 א. ל. ג. וו.

דריקט אויס באדויערען אויפ'ן פריהצייטיגען טויט פון

ב. ריטשמאן ע״ה

און פאדערט אויף אלע מיטגלידער פון לאקאל זיך צו באטייליגען אין דער לויה וועלכע וועט פארקומען היינט 4.30 פארנאכט, פון דעם פארשטארבענעם'ס וואוינונג, 206 נארטקליף בולווארד.

עקזעקוטיוו באארד,
לאקאל 92 א. ל. ג. וו.

גרויסע צאהל פון די „היימוועהר" פירער אין עסטרייך ארעסטירט נאך זונטאגיגן „פוטש"

וויען, עסטרייך, סעפט. 15.

פרינץ ערנסט רודיגער פאן סטארעמבערג, געוועזענער אינערן מיניסטער און געוועזענער הויפט פון דער פאשיסטישער ארגאניזאציע, די „היימוועהר''; זיין קוזין גראף קארעט; דער הויפט פון דעם „היימוועהר''־שטאב האנס רוטער; די גענעראלען ענגליש און פושמיער, ביידע פון דער עסטרייכישער ארמיי, און 13 אנדערע פיהרער פון דעם „היימוועהר'' געפינען זיך אונטער ארעסט, אין פארבינדונג מיט'ן „פוטש'' פון די היימוועהר וואס איז געמאכט געווארען זונטאג אין דער פראווינץ סטיריא.

אין דער זעלבער צייט ווערט שטארק ארומגעזוכט דער זעלבסט־געקרוינטער דיקטאטאר דר. וואלטער פרעימער, און דער קאמענדאנט פון די היימוועהר. זיין ארעסט ווערט אינגיכען דערווארט, טראץ דעם וואס מען ווייסט אז ער איז אנטלאפען.

נאך צוויי סאציאליסטען וועלכע זענען פארוואונדעט געווארען אין פארלויף פונ'ם זונטאג'דיגען אויפשטאנד, זענען היינט געשטארבען.

דער אויפשטאנד איז איצט פאקטיש אונטערדריקט. די היימוועהר פאשיסטען זענען אויפגעפאדערט געווארען פון זייערע אייגענע פיהרער צו אוועקלייגען דאס געוועהר. דער ארעסטירטער פרינץ פאן סטארעהמבערג, איז א גרויסער חסיד פון היטלער'ן.

בודאפעסט, אונגארן, סעפט. 15.

אדמיראל הארטי, דער רעגענט, האט זיך צוריקגעקעהרט אהער פון זיין זומערהיים, אין פארבינדונג מיט דער קאטאסטראפע וואס האט פאסירט זונטאג מיט אן עקספרעס־צוג, און אן אונטערזוכונג איז אנגעהויבען געווארען צו פעסטשטעלען אויף ווי ווייט די קאמוניסטען האבען געהאט א האנט אין דעם.

עס איז אויך באשלאסען געווארען אז די רעגירונג זאל דעקען די אויסגאבען פון די לויות פאר די קרבנות.

בערלין, סעפט. 15.

מעהר ווי 60 פערזאן זענען ערנסט פארוואונדעט געווארען אין א קאמף צווישען דער פאליציי און א מאב פון 1,000 פערזאן, וועלכע האבען געזוכט צו אריינרייסען זיך אינ'ם ספארטס פאלאץ וואו א דעבאטע איז פארגעקומען צווישען קאמוניסטישע און פאשיסטישע פיהרער.

די פאליציי האט זיך פריי באנוצט מיט די קלאבס און פויסטען, און א שרעקליכער פאניק האט באלד אויסגעבראכען.

אינוועניג, אבער איז די דעבאטע פארגעקומען אונגעשטערט.

אונטערוועלט

שפאנענדער ראמאן פון שטענדיגען קאמף צווישען פארברעכער און געזעץ.

— פון —
מארק סארדעל
(נאכדרוקען פארבאטען)

(פאָרזעצונג)

— און וואו קען איך געהן דערווייל? — האט ליגא געפרעגט.

— וועל — האט לאוסטאן געזאגט נאך א קורצען טראכטען — איך מיין, אז איהר קענט דעם טאג איבערשטעהן אין דעם היגען האטעל, ביז איך וועל קריגען א פלאץ פאר אייך.

— אלרייט.

— און וואלט אייך אויך געראטען — האט דער שעריף געזאגט, באטראכטענדיג זיין גאסט פון קאפ ביז די פיס — אז איהר זאלט זיך ארומוואשען און אנטאן ריינע קליידער.

— שור.

— אייער בארד דארפט איהר, פארשטעהט זיך ניט טשעפען — האט לאוסטאן איהם געווארענט — אבער די ארבייטס קליידער קענט איהר אראפוואַרפען פון זיך.

— איך וועל טאן ווי איהר הייסט, מר. שעריף.

לאוסטאן האט געעפענט די טיר און האט דורכגעלאזט זיין גאסט.

— געהט גלייך מיט דער גאס — האט דער שעריף געזאגט אין אן אפיציעלען טאן, כדי לו בלעק זאל דאס הערען — און איהר וועט קומען צו אייער באשטימטען פלאץ.

— א דאנק — האט ליגא געזאגט און האט זיך געלאזט צו דער טיר.

— און פארגעסט ניט, איך וועל ווארטען אויף אייך מארגען אין דער זעלבער צייט — האט דער שעריף געזאגט.

— איך וועל זיכער קומען — האט ליגא נעענטפערט.

— איך בין זיכער, אז מארגען וועל איך אייך קענען זאגען מעהר באשטימטעס וועגען אייער קיום — האט דער שעריף ווייטער געזאגט.

— איך וועל זיין אין צייט — האט ליגא געזאגט און איז ארויס.

לאוסטאן האט זיך דאן אומגעקערט צו זיך אין זיין פריוואט אפיס, רייבענדיג זיך די הענט פון גרויס פארגעניגען. דאס אנקומען פון דעם גאסט האט אין איהם ארויסגערופען נייע פלענער.

* * *

אין דער זעלבער צייט האט ליגא געשפאנט מיט א פעסטערען טראט איבער די גאסען פון דער שטילער שטעדטעל. עפעס האט ער זיך דערפיהלט מוטיגער, שטארקער, זיכערער, פון דער אויפנאהמע וואס ער האט דא געקראגען.

— א וואוילער מענש... — האט ער געטראכט געהענדיג צוריק צום גאראדזש, וואו ער האט געלאזט זיין מאשין.

ער האט פון דארט ארויסגענומען א קליין סעטשעל און איז אריין אין א קליינעם האטעל, וואס האט זיך געפונען ניט ווייט פון דארט.

אין פארלויף פון צעהן מינוט האט ער געקראגען א צימער אויפ'ן דריטען פלאר, מיט די פענסטער וואס זענען ארויס אין א גרויסען היוף, וואו די ביימער, שוין האלב-לוידיגע, האבען נאך געטראגען סמנים פון 'פרוכט. ליגא האט זיך ארומגעוואשען און האט זיך איבערגעטאן. ווען ער האט דערנאך א קוק געטאן אויף זיך אין שפיגעל, האט ער זיך כמעט אליין ניט דערקענט.

— עס וועט מיר פאסען צו זיין א היטער פון געזעץ... — האט ער געלאכט צו זיך אליין.

נאך שפעטער, ווען ער האט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן בעט זיך אפצורוהען, איז איהם מיט א מאל שווער געווארען אויפ'ן הארצען.

זיינע אויגען האבען זיך געשלאסען, און אזוי גיך ווי ער האט אנגעהויבען דרעמלען, האט ער אנגעהויבען פארפאלגט צו ווערען פון מורא'דיגע בילדער.

איהם האט זיך אויסגעוויזען, אז ער ווערט פארפאלגט פון אלע זייטען. פאליציי-פייפלאך האבען איהם געגרילצט אין די אויערען, און זיין פריינט מיקי האט ער דערזעהן אין א טייך בלוט, שטרעקענדיג די הענט צו איהם.

ליגא האט זיך אויפגעכאפט מיט שרעק. ער איז געלעגען אין א טייך שוויים.

קאפיטעל פערציג פינף

מענועל באנייט זיין טעטיגקייט

עס איז געוועזן א גרויער אנהויב נאוועמבער טאג ווען מענועל איז צוריקגעקומען קיין ניו-יארק. און דאס ערשטע וואס ער האט געטאן, איידער ער איז געגאנגען זעהן זיין מוטער, איז ער אוועק אין דער פאליציי ביורא, וואו ער האט געדארפט אפגעבען א באריכט פון זיין ארבייט און וואו ער האט ערווארט אויסצוגעפינען מעהר איינצעלהייטען וועגען דעם וואס עס איז אין דער צייט פארגעקומען אין ניו-יארק.

(ווייטערעס קומט)

הרב מאיר צבי לעווי

וואוינונג איז יעצט

362 פאלמערסטאן

דאנסטעירז צווישען קאלעדזש און אלסטער. טריניטי 3130.

די טיהרען זענען אפען פאר יעדען צו ענטפערען אלע רבנישע ענינים.

וואנצן, סאקראטשעס און גרילען

און אזוי ווייטער, אויסגערייניגט מיט הידרא-סייעניק גאז. אלע ארבייט גאראנטירט. טעלעפאנירט די ספעציעלע פרייזען פאר סטארס וועלכע זענען געשלאסען יום טוב.

סאניטארי
פומיגייטינג קאמפאני
מעלראז 1251

חפצ״ם
שפייז פעקלאך קיין רוסלאנד

דעליווערט אהן דיוטי

100 פראצענט גאראנטירטע צושטעלונג, נייע אראנזשמענטס, נידעריגסטע פרייזען אין אמעריקע, פארשידענע נייע עסען-זאכען און זייף.

דער איינציגער אפיס מיט דירעקטע פארבינדונגען מיט רוסלאנד. שיקט א פעקעל היינט!

דאלארען אייערע קרובים אויף יום טוב טעלעגראפיש בלויז 25 סענט! דיוטי דא חי.

חפצ״ם שיפס קאנטאר
DOMINION TICKET OFFICE
143 קווין סטריט וועסט
עדעלייד 5971

שיפסקארטען — געלט שיקען — סיטיזען פייפערס — מארטגיידזשעס אינשורענס.

פיינטינג פייפער העגינג

מיר מאכען אייערע אלטע הייזער אויסקוקען ווי נייע. — רופט אונז כעפאר איהר פייפערט אדער פיינט טעלעפאנירט גלייך טריניטי 7304 W.

ניו יארק דעקאריטארס

פיינטינג, פייפער העגינג

מיר דעקארייטען אייערע רומס פאר 5 דאלאר א רום, מיט אונזערע פייפער. טעלעפאנירט גלייך: — לאמבארד 6951.

פאטראנייזט די איינציגע אידישע ווינדאו קלינינג קאמפאני

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז פעקטארי אפיס און סטאר קלינינג בעסטע ארבייט צו די בילינסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך, און יעהרליך. 422 בעי סטריט. טעלעפאן עדלייד 8087 נאך 7 אווענטען טריניטי 6520 M

NEW YORK
WINDOW
CLEANING CO.
427 BAY ST

צו פאררענטן

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס און ברעקפעסט רום. אלע מאדערנע קאנוויניענס. 23 ראשהאלם דרייוו.
6992-9-18)

צו פארענטען א פלעט פון 3 גרויסע רומס, הארדוואוד פלארס, סטים היט, סינק אין קיטשען. טעלעפאן. פרעגען 565 יוקליד עוו. מעלראז 6293.
6986-9-16)

צו פארענטען 3 אדער 4 רומס, די לייטעסט קאנוויניענס, טעלעפאן צו נוצען. פרעגען 422 ראקסטאן ראוד.
6987-9-18)

צו פארענטען א סטאר מיט 2 ווינדעס, 7 רומס, ניי דעקארירט, אלע קאנוויניענס, 335½ קווין איסט. פאסיג פאר אלערליי ביזנעס. פרעגען 337 קווין סט. איסט.
6979-9-18)

צו פארענטען אפארטמענטס פון 3 און 4 רומס, אלע מאדערנע קאנוויניענס. 78 סט. פעטריק סטריט, טעל. עדעלייד 5995 ביז 6 א גייזער.
6980-9-17)

צו פארענטען פאר ‎$35, 5 רומיגען לאוער דופלעקס, אלע קאנוויניענס, הארדוואוד פלארס, בעק און פראנט ווארענדע, ראאד היטער, עלעקטריק פיקסטשורס און בליינדס, ניי דעקארירט. 99 A נעסאו סטריט. קענוואוד 2781.
7105-9-22

צו פארענטען א גרויסע סטאר מיט 5 רומיגען אפארטמענט באזונדערען אריינגאנג 650 בלור וועסט. בעסטען לאקיישאן פאר יעדער ביזנעס 90 דאלאר רענט. פרעגען מעלראז 7330. אווענטען הילקרעסט 8444.
7116-918

צו פארענטען א דאנסטערס פון 4 רומס אויך א גרויסע זומער קיטשען צום קאכען. הארדוואוד פלארס. פרעגען 118 ראבערט סטריט, נאך 6 פארנאכט.
7114

צו פארענטען א גרויסע פארנישד פראנט רום, קאנוויניענס, פאסיג פאר 2 יונגע לייט. פרעגען 445 יוקליד עוועניו.
7108-9-20

צו פארענטען 3 רומיגען פלעט, הארדוואוד פלארס, סינק אין קיטשען. אויך אלע מאדערנע קאנוויניענס. פרעגען 506 מארקהאם סטריט.
7109-9-17

צו פארענטען דריי רומס מיט אלע קאנוויניענס, סינק אין קיטשען. פרעגען 56 דעניסאן עוועניו, טריניטי 6178.
7107

צו פארענטען א 5 רומיגען אפארטמענט מיט אלע מאדערנע באקוועמליכקייטען ניי דעקארירט, זעהר ביליג רענט, נאר 1 פארבליבען. מעלדעט זיך צו מר. קאמבעל קארנער יוקליד און אלסטער סטריטס. טריניטי 3977.
529-9-20

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס, פרעגען 70 עלם סטריט.
7104-9-17

אקאונטענט-בוקקיפער

12 יאהר עקספיריענסד, וועט פיהרען אייערע ביכער טייל-צייט, אדער אודיטען זיי, פרייזען פון 5 דאלאר מאנאטליך און העכער.

א. א. גאלדענבערג
75 האמוואוד דרייוו
הילקרעסט 7504 W.

אויפמערקזאם!

צו דער אידישער באפעלקערונג פון וועסט אף באטהורסט.

די באוואוסטע אידיש-העברייאישע שוהלע, וועלכע דער פריה-פארשטארבענער לעהרער

חיים לובעטסקי ע״ה

האט מיט גרויס פעהיגקייט אנגעפירט, וועט אויף ווייטער פארגעזעצט ווערען דורך א פעהיגען פעדאגאג, א גראדואירטער פון **ר׳ יצחק אלחנן ישיבה מר. מאזנער**

אויפ'ן זעלבען פלאץ
199 גרייס סטריט

די פראגראם איז אידיש-נאציאנאל-רעליגיעזע, און עס וועט נאכגעפאלגט ווערען די זעלבע מעטאדען ווי בעפאר, דורך געבען דער אידישער יוגענט: —

- העברייאיש לעזען און שרייבען.
- אידיש לעזען און שרייבען.
- אידישע געשיכטע.
- תרגומי תפילות.
- חומש און רש״י.
- תנך.
- קריאת הטעמים.

אידישע ימים טובים וועלען געפייערט ווערען און אן אמת אידיש-נאציאנאלע ערציהונג צו דערנעהענטערען די קינדער צו זייערע עלטערען און צו זייער פאלק און טראדיציאָ.

אכטונגספאל,
מרס. לובעטסקי.

צו פארקויפן

צו פארקויפן א דזשעראַרד היינצמאן פיאנא, העפי טאט סטאוו, האמילטאן פרעס מאשין, קיטשען קאבינעט, זעהר ביליג. 130 קראפארד סטריט.
6997-9-17)

צו פארקויפן א קלינינג און פרעסינג ביזנעס. 228 גרינוואוד עוו.
6981-9-16)

א בארגיין פאר א שנעלען קויפער, מוז פארקויפט ווערען די וואך. א 7 רומיגע הויז ניי דעקארירט. טריניטי 6864.
7110

גראסערי סטאר מיט פארגעמען אויסגעשטאטעט, ביליג רענט גוטע וואוינונג. מוז פארקויפט ווערען. פרעגען 204 קלינטאן סטריט.
7117-9-24

43 הונדערט קראפארד סאליד בריק הויז 8 רומס.

53 הונדערט יוקליד סאליד בריק הויז, 8 רומס גאראדזש.

38 הונדערט בעלוואודס סאליד בריק הויז, 6 רומס.

פרעגען מאסקאוויטש מעלראוז 1402.
7106

צו פארקויפען א שיך רעפייר סטאר 287 דאנדעס סטריט וועסט.
7102-9-17

אן אלט איסטאבלישד פיש סטאר צו פארקויפען 602 קאלעדזש סטריט.
7103

צו פארקויפען שאו קיים, דרעס הענגערס, מילינערי סטענדס, עלעקטריק לאמפס, נאך קליינינקייטען זעהר ביליג. 689 קראפארד סטריט.
7111

קארפענטערינג, אלטערייזשאנס, סטאר פראנטס רעמאדעלינג אלערליי וואודווארק געמאכט זעהר ביליג.

מר. סטערלינג דער הייטשער קארפענטער, קינגסדייל 4674.
7112-20

פארניכטען!

אבסאלוט גאראנטירט

וואנצען, קאקראטשעס מילבען א. א. וו.

מיט הידרא סייעניק גאז און אנדערע מעטאדען.

אונטער דער אויפזיכט פון דער באארד אף העלט.

א סערוויס וואס שפארט אייך געלט

NATIONAL EXTERMINATING COMPANY
92 SHERIDAN AVE. TORONTO
PHONE MELROSE 1651

ספעשעל יום-טוב סייל

צו מיינע בעסטע פריינט און קאסטאמערס! אייער אלט-באקאנטע דרעסמייקערין

מרס. גלעסמאן

לאזט אייך וויסען, אז איהר קענט יעצט באקומען די בעסטע און שעהנסטע דרעסעס און קאוטס צו די ביליגסטע פרייזען. אויך ארדערס צו מעזשור ווערען געמאכט גוט און ביליג.

קומט און זעהט מיין נייעם פאל סטאק. מיין נאמען איז גאראנטירט פאר גוטע וואַרע און די בעסטע ארבייט. אויב ניט צופרידען אייער געלט צוריק.

איך דאנק אייך פאר פאטראנייזען מיר ביז איצט, און האף אויף ווייטער אייער פריינטשאפט.

מרס. גלעסמאן
314 קאלעדזש סטריט
טעלעפאן קינגסדייל 9635.



אונטערזוכט אייערע אויגען, און קריגט די ריכטיגע גלעזער. דער איינציגער ספעציאליסט, וועלכער איז אויטאריזירט פון גאווערנמענט אלס האבען זיך פאראייניגט צו מאכען א

אפטאמעטריסט און אפטישען

דר. העגרי העררים

279 קאלעדזש סט.
(לעבען ספעדיינא)
אפען ביז 9 אוהר אין אווענט.

Dr. Henry Harris
EYESIGHT SPECIALIST
Phone Trinity 6604
279 College St. near Spadina
Open until 9 p. m.

פארלאנגט

הארדוואוד פלארס געלייגט און פארנישט, אויך אלערליי קארפענטערינג, זעהר ביליג. מר. לינהארט. עלגין 6671.
6967-9-20)

פארלאנגט א פארטנער אין א גוט געהענדיגער פרוכט ביזנעס. מוז האבען צווישען 5 און 6 הונדערט דאלאר. — פרעגען 29 לענארד עוו.
6994-9-16)

פארלאנגט א מאן, פעהיג פאר א בעקער דרייווער, מעג האבען אייגענעם פערד און וואגען. ווענדען זיך 371 מארקהאם סטריט.
6985-9-15-16-20)

עקספיריענסד נוירס, גיט מאסאזשען, נעהמט אן קימפעטארינס און אלערליי קראנקהייטען. טעל. לאמבארד 7061.
6983-9-17)

‎$3. ראדיא עריאלס אויפגעשטעלט קאמפליט. פארוואס צאהלען מעהר, פרעגט פאר מר. האפמאן, לאידברוק 3985.
6989-9-22)

דייטשע קאפעל זוכען ארבייט. די פרוי קען קאכען, און דער מאן פאר אלערליי הויז ארבייט און אלס באטלער. טעלעפאן טריניטי 2923.
6978-9-16)

פארלאנגט אלערליי הינטלאך, בעסטע פרייזען געצאהלט. טעלעפאן טריניטי [illegible] 3155 J.
524-9-14-16-18)

איך פאהר קיין דעטראיט דעם 16-טען סעפטעמבער, פלאץ פאר 3 פאסאזשירען. טריניטי 1534 J.
6990)

פארלאנגט אן עקספיריענסד פארטנער צו פאלטרי און עגג ביזנעס. אין א קאנטרי. קליינער אינוועסטמענט. טעל. טריניטי 2689 F.
6982-9-22

פארלאנגט א באי צו ענטפערען דעם טעלעפאן און צו געהן מעסעדזשעס. 104 ריטשמאנד סטריט וועסט. בעטער טיילארס לימיטעד.
6999.

פארלאנגט א סיילסמאן צו סאליסיטען נייע אקאונטס פאר קרעדיט הויז אויף קאמישאן גוטע פראפעזישאן פאר פראדוסער, פרעגען פון 5 ביז 8 אזייגער 740 באטהורסט סטריט.
7000-9-18

פארלאנגט אן עקספיריענסד קעכין קיין אנדערע ארבייט מרס. יאלעס ראנדאלף 1441.
7113-9-17

פארלארען א ליידיס ווייט גאלד ריסט וואטש, פרייטאג נאכט נאך עלף אזייגער צווישען קאלעדזש און הארבארד. דער געפינער וועט מקיים זיין א גרויסע מצוה פון השבת אבדה פאר יום כפור. זיך ווענדען אין 362 פאלמערסטאן עוו. טעלעפאן טריניטי 3139.
530-9-17

די מענטשען וואס האבען געזעהן דעם עקסידענט דעם 11-טען סעפטעמבער קארנער קווין און יוניווערסיטי, אויך דער וואס האט אפגעפיהרט דעם מאן זאל זיך ווענדען 72 דעניסאן טריניטי 7953 J.
6998

איך האב געלט צו לייען אויף

מארטגעדזשעס

ערשטע, צווייטע און דריטע
CHAS. COBLENS
401 מענינג עוו.
טעלעפאן טריניטי 2205.
איך קויף אויך צווייטע מארטגעדזשעס

חזן ב. וולאדאווסקי

היגיגניש געשולטער סוירדזשען

מוהל

אויך

מאדערנער מסדר קדושין

סוירוויסעס אין ענגליש

עלטערן פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אנבעטראכט, ווייל דאס איז דער בענעפיט פון זייערע קינדער

קאנטרי לייט קענען מיך אויך רופען צו זייערע שמחות. איך וועל קיינעם ניט ענטזאגען צו קומען.

וואוינונג 62 בראנזוויק עוועניו.
טעלעפאן קינגסדייל 8832.
ארימע אומזיסט

זאלען אלע וויסען!

מאכט ניט קיין סוף פון דעם וואס איר האט צו פארקויפען

אדווערטייזט אין דעם אידישען „זשורנאל" די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין אנטאריא

מיר האבען קאסטאמער פאר אייך..

די טויזענטער לעזער פון „זשורנאל" אין טאראנטא און אלע קלענערע און גרעסערע ישובים אין אנטאריא קענען זיין אייערע קונים — — —

ווען איר

אדווערטייזט

— אין —

אידישען „זשורנאל"

: אונזער אדרעס :
542 דאנדעס וועסט
: אונזערע טעלעפאנס :
טריניטי 6830-6831

כמעט אלע פארלאנגען קוואליטעט
כמעט אלע טרינקען סאלאדא
"SALADA"
TEA
„פריש פון די גערטנער"

נייעס ביי אונז אין שטאדט

אנטאריא ארבייטסלאזע זענען א פראבלעם פאר דער רעגירונג

האָנ. דר. דזש. מ. ראָב, אנטאריאָר מיניסטער פון געזונט, וואס האט זיך יעצט אומגעקערט פון א וויזיט אין נארד אנטאריא, גיט איבער, אז די ארבייטסלאזיגקייט אין דער נארד פון אנטאריא איז יעצט ערגער, ווי ווען עס איז. קיין האלץ ווערט אינגאנצען ניט געשניטען, און די וואס זענען געווען באשעפטיגט ביים האלץ שניידען, פארגרעסערען די מחנה ארבייטסלאזע אין פראווינץ.

האָנ. פינלעיסאן, מיניסטער פון לאנד און וועלדער, האט נעכטען דערקלערט, אז ער קען קיין באשטימטעס נישט זאגען, ווען וועלען די ארבייטסלאזע אנגעהויבען געשיקט ווערען צו דער ארבייט אויף דער טראנס קאנאדער היי-וועי.

קלאנגען ארום קווינס פארק טראגען זיך ארום, אז די פראווינציעלע רעגירונג איז שטארק באזארגט, ווי אזוי צו באשעפטיגען אלע ארבייטסלאזע פון דער פראווינץ. אין נארד אנטאריא אליין געפינען זיך ביז 25 טויזענט ארבייטסלאזע, וועלכע וועלען דארפען קריגען באשעפטיגונג ביי דער היי-וועי. צו דעם האט די רעגירונג צוגעזאגט אריבערצושיקען אהין אלע אונפארהייראטע ארבייטסלאזע פון דער גאנצער פראווינץ, און עס איז שוין יעצט קלאר, אז די טראנס-קאנאדע היי-וועי קען נישט באשעפטיגען אזא גרויסע צאל ארבייטער.

די ארבייט אבער אויף אויפצושטעלען קעמפס לענגאויס דעם וועג, וואו די טראנס-קאנאדע היי-וועי וועט דורכשניידען אונזער פראווינץ געהט שוין אן. עס ווערען געבויט געביידעס, וואו די ארבייטער זאלען זיך אויפהאלטען, און אויך אנדערע אראנדזשמענטס ווערען געמאכט צו באזארגען די ארמיי ארבייטער, ווען זיי זאלען אנקומען.

אפענע וואך אין אידישען אינגלאך קלוב

כדי צו געבען א געלעגענהייט די גרויסע צאל פון אידישע אינגלאך צו באקאנען זיך מיט דער טעטיגקייט פון אידישען אינגלאך קלוב, איז די וואך באשטימט געווארען אלס אן "אפענע וואך" אין דעם צענטראלען ברענטש פון דעם קלוב אויף 218 סימקאָ סטריט.

דער קלוב איז אפען אויך פאר ניט-מעמבערס יעדען אווענט פון 7.30 ביז 9.30.

דער קלוב שטעלט צו פאר די אידישע אינגלאך פון טאראנטא פיעל טעטיגקייטען, איינשליסענדיג ביליארד, גאלף, שווימען, גימנאסטיק, אידישע געשיכטע, דעבאטען, א ביבליאטעק און קלוב מיטינגען.

די אלע וואס ווילען האבען אן אינטערעסאנטען און נוצליכען ווינטער, זאלען זיך פארשרייבען.

געגרינדעט אין 1921 דורך דעם פארשטארבענעם מ. מ. קאהען, האט דער קלוב פיעל אויפגעטאן פאר זיינע מיטגלידער. די פינאנציעלע מיטלען קריגט דער קלוב פון דער אידישער צדקה פעדעראציע, און ווערט אנגעפירט פון א באארד, אין וועלכען עס געפינען זיך וויכטיגע פארשטעהער פון דער אידישער טאראנטא. מר. ס. ע. לייאנס איז טשערמאן פון דער באארד און מר. מארטין מ. קאהען, ב. א. איז גענעראל סעקרעטאר.

דער קלוב פארמאגט יעצט איבער 600 מיטגלידער און דריי ברענטשעס אויסער דעם צענטראלען ברענטש אויף סימקאָ סטריט.

פאפיר באפוצונג פאראורזאכט פייער אין א סטאר

א פאפיר פאס, וואס איז געהאנגען אלס באפוצונג אין דער סטאר פון סעם ווארשאווסקי, אויף 139 דאנדעס סטריט וועסט, האט זיך אנגעצונדען פון א גאז-פלאם, און האט פאראורזאכט א פייער וואס האט אנגעמאכט שאדען אין סטאר אויף איבער הונדערט דאלאר.

עסט אספירין אנשטאט קענדים

אן אכט יאריגער נאשער, געטים בראון, האט אוועקגעשלעפט פון הויז א שאכטעל מיט אספירין און גייענדיג אין גאס האט ער עס ביסלאכווייז אויפגעגעסען, מיינענדיג, אז עס איז קענדי. אויף קארנער קווין און אסינגטאן איז ער אוועקגעפאלען. אין האספיטאל פאר קראנקע קינדער האט מען איהם דעם מאגען אויסגעפאמפעט און אפגעשיקט אהיים צו קריגען די שמיץ, וואס איהם קומט.

HENRY S. ROSENBERG
באריסטער א. אז. וו.
געלט צו לייען
עדעלייד 1386.
702 פעדעראל בילדינג

ראבקינ'ס
פארסעל אידזשענסי
וועלכער האט דירעקטע פארבינדונגען מיט רוסלאנד שיקט
שפייז פעקלאך
קיין רוסלאנד
פריי אהן דיוטי
100 פראצענט גאראנטיע, שנעלע צושטעלונג און ארדנונג, נייער אויסוואל פון עסען זאכען און זייף. די ביליגסטע פרייזען אין קאנאדע.
ארדערס ווערען אנגענומען אין זיין אפיס:
309 ספעדיינע עוועניו
טעלעפאן טריניטי 1431.
און אין זיין וואוינונג,
172 פאלמערסטאן
ארום דאנדעס,
טעלעפאן טריניטי 5959.
אלע טאג און וואך.
קומט, שרייבט, טעלעפאנירט

בלויז 40 סענט **איבעראשענדע נייעס!** **בלויז 40 סענט**
שלעכטע צייטען!
שפארט אין 20 פראצענט
קומט עסען אין
לואיס **רעסטאראן**
דער געשמאקסטער דינער אין ערשט-קלאסיגען רעסטאראן
בלויז פאר 40 סענט
די מאכלים — פריש און ריין. גוטע באהאנדלונג.
לואיס'עס נאמען איז די בעסטע גאראנטיע פאר גוטע און צופרידענהאפטע מילס.
אונזער מאטא: — "היט אפ אייער געזונט און קומט עסען צו אונז".
מיר קייטערען אלערליי שמחות צו מעסיגע פרייזען
LOUIS' RESTAURANT 460a SPADINA AVE., TORONTO
TELEPHONE; TRINITY 4197

היינט די לויה פון ב. ריטשמאן ע"ה

נעכטען אוונט איז אהער אנגעקומען דער קערפער פון דעם געוועזענעם היגען חשוב'ען איינוואוינער ב. ריטשמאן וועלכער איז געשטארבען אין ראטשעסטער, מינ. נאך אן אפעראציע.



ב. ריטשמאן, ע"ה

די לויה וועט פארקומען פון זיין לעצטער היים אויף 206 נארטקליף בולוואָרד היינט 4.30 פארנאכט.

זיין פריהצייטיגער טויט האט ארויסגערופען טיפען טרויער צווישען זיינע פיעלע פריינט, וואס ער האט דא געהאט אין שטאדט.

ארבייטער פארוואונדעט ביי דער נייער ארענא געביידע

שטופענדיג א האנט וועגעלע ביי דער נייער ארענא, וואס ווערט געבויט אויף טשורטש און קארלטאן סטריטס, איז עדווארד סקינער, 88 יאהר אלט, פון 168 שאו סטריט, אראפגעפאלען א זעקס פוס צו דער ערד. נאכדעם ווי דר. דזש. מאיר, פון 64 וועלסלי סטריט האט איהם באהאנדעלט, איז ער אפגעפירט געווארען אהיים מיט וואונדען אין קאפ און רוקען.

זעקס יאריגע מיידעלע פארוואונדעט פון א טראק

זיך שפילענדיג לעבען איהר הויז, איז די 6 יאהריגע פיבי קאן, פון 131 מייסי סטריט, אומגעווארפען געווארען פון א טראק, וואס באלאנגט צו דער סילווערוואוד דיירי. דאס מיידעלע איז אפגעפירט געווארען אין האספיטאל פאר קראנקע קינדער, וואו אן עקס רעי האט באוויזען, אז זי האט געקראגען א צובראכענעם שארבען. דאקטוירים גלויבען, אז זי וועט בלייבען לעבען.

יונגע פרוי שטארבט פאלענדיג פון די טרעפ

מרס. מערי העריסאן, 39 יאהר אלט איז נעכטען געפונען געווארען ליגענדיג טויט לעבען די הינטער טרעפ פון איהר הויז אויף 15 קאלייהיי סטריט.

ווי מען גלויבט, איז זי אראפגעפאלען פון די טרעפ און אין פאל צוהאקט דעם קאפ, שטארבענדיג פון א מארך דערשיטערונג.

6 פארהאלטען פאר שיכורען אין עפענטליכען פלאץ

ווי ביים טאטען אין וויינגארטען האבען זעקס וואוילע יונגען זיך צולייגט אין די נארמאל גראונדס לעצטע נאכט און געזשלאקט שנאפס פון פלעשער. א פארבייגעהענדיגער פאליסמאן האט אויסגערעכענט, אז זיי טוען נישט קיין פאסיגע ארבייט אויף א נישט פאסיגען פלאץ און האט זיי אלע מיט די פעקלאך פראוויאנט פארבעטען אין פאליס סטיישאן, וואו זיי זענען פארהאלטען געווארען פאר שיכורען אין אן עפענטליכען פלאץ.

אינפאנטייל פאראליזיס אין אנטאריא פיעל ווייניגער היי יאהר

אין דער ערשטער וואך פון היינטיגען מאנאט זענען אין אנטאריא געזונט דעפארטמענט באריכטעט געווארען 13 נייע פאלען פון אינפאנטייל פאראליזיס, ברענגענדיג דעם סך הכל פאר 1931 צו 65 פאלען. אין 1930 איז אין דער ערשטער וואך אין סעפטעמבער פארגעקומען 64 פאלען, מיט א סך הכל ביז דאן פון 206 פאלען. אין 1930 האט טאקע די קראנקהייט אנגענומען די פארם פון אן עפידעמיע.

אין אויגוסט, 1930 זענען פארגעקומען 175 פאלען פון אינפאנטייל פאראליזיס, ווען היי יאהר אין אויגוסט זענען געמאלדען געווארען בלויז 35.

מיט עטליכע טעג צוריק האט דער געזונט דעפארטמענט פון קווינס פארק אפגעשיקט קיין מאנטרעאל א ליטער פון סערום, וואס זאל העלפען דער לאגע פון דער קראנקהייט דארט. דער ליטער וועט זיין גענוג צו באזארגען 40 פאציענטען.

הויפען מיסט צינדט זיך אן

א הויפען מיסט האט נעכטען פון זיך אנגעהויבען ברענען אין דער הערבערט דזשולים קאמפאני, אויף 70 פערל סטריט. פייערלעשער האבען דעם פייער אויסגעלאשען איידער ער האט נאך באוויזען צו פארשאפען היזק.

דאס יאר תרצ"א און א"י

(פארזעצונג פון פיידוש 5)

דער אידישער אגענץ פון 15 הונדערט סערטיפיקאטען פאר מערץ - אקטאבער 1921 אויף 5 הונדערט, מאכענדיג די סערטיפיקאטען הויפטזעכליך גילטיג פאר אזעלכע אימיגראנטען, וועלכע ברויכען זיי ניט, ווי למשל קרובים, וועלכע קענען אריינקומען אהן סערטיפיקאטען.

די אראבישע אויפרעגונג האט זיך זעהר פארגרעסערט סוף יאהר איבער די פארזינגעלטע קאסטענס - געוועהר אין אייניגע אידישע קאלאניעס, נאכדעם ווי דעם מופטיס באמיהונג אויפצולייזען די ליידענשאפטען פון די אראבער איבער דעם כותל המערבי איז דורכגעפאלען, און נאכדעם ווי דער סטרייק וועלכער איז בעשטימט געווארען צום יאהר-צייט פון די געהאנגענע דריי אראבער איז דורכגעפאלען.

די העצער האבען גענומען ארבייטען אויף אלע כלים. די אידישע באוואפענונג" איז געווארען א שלאג ווארט, וואס האט געוואלט דינען פאר א נייעם ברענשטאף. פינסטערע כוחות האבען שוין אין דער שטיל זיך געריבען די הענט פאר נחת, אז דער 15-טער אויגוסט 1931 וועט ניט פארשעהמען דעם 23-טען אויגוסט 1929.

דעם נחת האבען זיי אבער ניט דערלעבט. דאס מאל האבען מיר זיך אן איבעריגען מאל איבערצייגט: ווען די אראבישע שווארצע מאה קען ניט שרייען "די רעגירונג איז מיט אונז", מוז זי זיך בענוגענען מיט צייהן-קריצעניש — און דאס גאר. חוץ צווישען דעם הייפעל פארביסענע מופטי-לייט אין שכם — דעם צענטער פון דער שווארצער מאה — איז דער פראקלאמירטער "גענעראל סטרייק" געווען אומעטום א קאמפליטע מפלה:

דאס נייע שלאג-ווארט האט די העצער ניט דערווארימט — און די רוה איז אין ערגעץ ניט געשטערט געווארען.

נאך א יאהר פון שוואכען פראגרעס אין די נויטווענדיגקייט פון עקאנאמיע האט פאראורזאכט א פארשפעטיגונג אין אויסנוצען די 15 הונדערט סערטיפיקאטען וועלכע זיינען געגעבען געווארען אין אקטאבער, א יאהר פון שארפע פארקלערונגען אין אלע אידישע נאציאנאלע אינסטיטוציעס, וועמענס פארצווייפעלטע פינאנציעלע לאגע האט פאראורזאכט א קורצען סטרייק פון די לעהרער נאך די פסחדיגע וואקאציעס, איז אויפ'ן ציוניסטישען קאנגרעס אין באזעל, וועלכער איז פארגעקומען נאכדעם, ווי מען האט איהם איינינגע מאל אפגעלייגט, פארגעקומען א פאלשטענדיגע אומענדערונג פון דער עקזעקוטיווע און האט געבראכט אן ענדערונג אין דער ציוניסטישער פארטרעטערשאפט געגענאיבער דער פאלעסטינער אדמיניסטראציע און דעם ישוב. אפילו נאך איידער עס איז געווארען קלאהר, אז דר. ווייצמאן וועט מעהר ניט בלייבען אין דער שפיץ פון דער באוועגונג נאך דעם ציוניסטישען קאנגרעס האט קאלאנעל קיש רעזיגנירט.

קאל. קיש וועלכער האט אין פארלויף פון ניין יאהר געפיהלט אידיש, אבער וועלכער איז אויפגעבראכט געווארען אלס א בריטישער איז געוועזן דער אידישער אמבאסאדאר אין זיין אייגען לאנד. דאס פארבייטען איהם אויף ניט א בריטישען צייגט אויף דער ענדערונג אין דער ציוניסטישער שטעלונג געגען בריטאניען.

קליינליך ווי די ציפער זאל נישט אויסזעהן אין פארגלייך מיט די ארבייטסלאזיגקייט אין די גרויסע צענטרען פון דער וועלט, האט די אידישע ארבייטסלאזיגקייט אין פאלעסטינע געמאכט דאגות. באטש צום סוף יולי איז די ציפער געפאלען אויף 2 טויזענט, געגענאיבער 3 טויזענט אין מאי.

דער שטענדיגער קאנפליקט פאראורזאכט צוליעב די אראנזשען - פארמערס מעגליכקייט אדער בערייטוויליגקייט צו צאהלען, און צוליעב די נויטען פון די אידישע ארבייטער וועלכע זיינען אונמעגליך צו פארקלענערען (וועלכע זיינען גענוג נידעריג ווי יעדער איינער ווייס) האט ארויסגערופען שטרייטיגקייטען דא און דארטען, און דער רוף 'ברויט און ארבייט' נאכגעפאלגט פון ארעסטען, האט זיך ווידער געהערט אין לאנד.

בעשיידענע דערגרייכונגען צו די וועניגע קאנקרעטע דערגרייכונגען פון דעם בעשיידענעם אנהויב פון דעם טויזענט-פאמיליעס פלאן, דאס פאקטישע אנהויבען בויען פון 2.00 ארבייטער הייזער אין חיפה און דאס אונטערשרייבען פון די קאנטראקטען מיט די ציוניסטישע איינוואוינער וועלכע זיינען קאלאניזירט פון קרן היסוד אויפ'ן בארען פון קרן קימת. דער אימפעט פון דער תוצרת הארץ באוועגונג, דאס סטאביליזירען פון אידישע פלאנטאציעס, דער בעשלוס פון דער אסיפת הנבחרים צו פארלייכטערען ביז א מינימום די פאראנטווארטליכקייט פון וועלט אידענטום פאר דער בילדונג און געזונדהייט פון די אידען אין פאלעסטינע, דאס צוריקקעהר פון די אידען קיין חברון. א בעגרינדעטער פאקט, וועלכער איז נאך שטארקער ווען דער צענזוס וועט זיין, איז די פארקלענערטע קינדער-שטערבליכקייט ביי די אידען מיט 50 פראצענט, אזוי אז עס איז איצט קלענער ווי דער אין ענגלאנד און דייטשלאנד. דער עמק מיט 30 שטארב - פאלען פער טויזענט איז א' וועלט רעקארד.

דער וויכטיגסטער שריט פון דער רעגירונג איז דאס אונטערשרייבען פון א קאנטראקט מיט דער איראק פעטראלעאום קאמפאניע, אן אגריקולטורעלער ראט, מיט אפיציעלע און אונאפיציעלע אידישע און אראבישע מיטגלידער, איז צוזאמענגעשטעלט געווארען פון דער רעגירונג, אזוי אז עס איז דא א האפנונג פון מיט ארבייטערשאפט לכל לפחות אויף איין געביט, נאכדעם ווי דער רעגירונג איז ניט געלונגען צוזאמענברענגען די אידען און די אראבער בנוגע דעם כותל מערבי, אין וואס אויך א קווייקער האט געהאט א האנד.

פאפירענע בריקען

אויב מען וואלט געקאנט בויען דעם בריק צו דער איצטיגער נאציאנאלער היים פון פאפיר און עס זאל זיך האלטען אויף רעפארטען, וואלט דאס יאהר תרצ"א בעשטימט געבראכט אונז נעהענטער צום צוועק.

אזוי ווי איצט איז אבער נאך ניט משיחס צייטען, און מען קען ניט ערווארטען, אז אפפירענע בריקען זאלען אויסהאלטען א באוועגונג ווי אונזערע, איז בעסער אז מען זאל אלע רעפארטען און רעקאמענדאציעס, וואס האבען זיך אנגעקליבען אין פארלויף פון יאהר, איבערגעבען אין ארכיוו, און מען זאל צוטרעטען צום יאהר תרצ"ב מיט פרישער ענטשלאסענהייט צו טהאן מעהר און געפינען וועניגער, — צו מיר געפינען חסרונות אדער פאקטען.

15 טויזענט ארבעטס-לאזע באשעפטיגט אויף פארמס

נאהענט צו 15 טויזענט מאן פון די ארבייטסלאזע זיינען פארטיילט געווארען אויף פארמס, לויט די פלענער פון האנ. וועסלי א. גארדאן, מיניסטער פון אימיגראציע און קאלאניזאציע, זינט לעצטען אקטאבער.

די ארבייטער קריגען אויפ'ן פארם אויסער וואוינונג און עסען אויך שכירות צווישען פינף און 25 דאלאר א מאנאט. די העכערע שכירות ווערען געצאהלט צו אזעלכע, וואס זיינען בעסער בעקאנט מיט פארמעריי, קענען מעלקען, אקערען, שניידען א. א. וו.

ביז יעצט האט די פעדעראלע רעגירונג מיט דער הילף פון די אייזענבאהנען און דער סאלדאטען סעטלמענטס באארד, געפונען פלעצער פאר 3749 פאמיליעס און 10,609 איינצעלנע פערזאנען. 800 פאמיליעס און 2000 איינצעלנע פערזאנען זיינען באזארגט געווארען דורך דער אנטאריא רעגירונג. 450 פאמיליעס און 300 איינצעלנע פון דער פראווינץ קוויבעק.

ערשטער פראסט אין אלבערטא

קאלגארי, סעפטעמבער, 15.

נעכטען איז אנגעקומען אלבערטאס ערשטער פראסט פון דעם סעזאן.

קאלגארי און אומגעגנד, זיינען באדעקט געווען מיט א לייכטען פראסט, רעד דיר און מיראר, אלבערטא, האבען באריכטעט אן עטוואס דיקערע פראסט שיכט אויף די פעלדער.

וועגען היזקות צו תבואות אדער גערטנער ווערט ניט באריכטעט.

בראקענשייר ווארט געדולדיג אויפ'ן טויט

דעם 23-טען סעפטעמבער, אדער ארום א וואך פון היינט, וועט רזשאהן בראקענשייר, דער ווינדזארער בחור'ל וועלכער האט דערשאסען דעם פאליסמאן ראי מעקווילען, באצאהלען מיט זיין לעבען אויף דער תליה אין דעם טאראנטאר דזשייל.

דערווייל זיצט ער אין טויטען-צעל און ווארט אויפ'ן לעצטען טאג. רעוו. ט. וו. בארנעט, דער גלח וועלכער וועט איהם באגלייטען צו דער תליה, באזוכט איהם כמעט יעדען טאג, און לויט ווי ער האט איבערגעגעבען איז בראקענשייר גאנץ גלייכגילטיג, מונטער, פריש און געזונט.

בראקענשייר האט דערקלעהרט, אז זיין שלעכטע יוגענט איז שולדיג אין אלעם. ער רעדט אבער מיט דרך-ארץ וועגען זיין מוטער.

„עימי" האט שוין חתונה געהאט א דריטען מאל

לאס-אנדזשעלעס, סעפט. 14.

די באריהמטע גלח'טע עימי סעמפעל מעקפירסאן וועלכע איז שוין עטליכע מאל געווען דער צענטער פון פארשיעדענע סקאנדאלען, האט ווידער אמאל חתונה געהאט, צום דריטען מאל.



עס איז לייכט צו זעהן דעם קונץ דערפון

פענסטער זיינען געמאכט געווארען דורכצוקוקען. שפיגלען — אריינצוקוקען אין זיי. לאזט זיי ניט זיין שמוציג, און האלט אן דעם גלאנץ אויף זיי. פארהיט זיי פון קראצען — דורך רייניגען און פאלישען זיי מיט באן-אמי. ווייל דאס איז דער קונץ פון באן-אמי, און עס איז געווען פאר די לעצטע פערציג יאהר, — פוצענדיג ווי א בליץ, און פאלישענדיג צו דער זעלבער צייט — אבער קיינמאל קראצט דאס ניט, און קיינמאל שאדט דאס ניט אייערע הענט.

באן-אמי האט ניט קיין גערוך. עס ווערט געמאכט אלס א שניי-ווייסער פולווער און אויך א קאמפאקטער, באקוועמער קעיק. עס ווערט פארקויפט אין אלע גראסערים.

Bon Ami
"האט נאך ניט געקראצט"
קייק און פאודער

Bon Ami
Powder
Bon Ami

ציוניזם אויף א נייער תקופה

(פארזעצונג פון פיידוש 4)

אבער די צייט פון חלומות איז אריבער, פון 1921 ביז 1931 האבען מיר עטוואס געלערנט. אין די צעהן יאהר האבען מיר ערווארבען ניט נאר דעם עמק יזרעאל, נאר ווי שוין דערמאנט אויך זעכציג טויזענט דונאם מיט געפלאנצטע אראנזשעס אין שרון.

מיר האבען ניט נאר נהלל — נאר אויך תל-אביב וואס האט אנגעיאגט דעם ירקון און איהם אויך אריבערגעיאגט.

אונזער אינדוסטרי איז אויסגעוואקסען און וואקסט ווייטער. אין דער שטיל אומבאזונגען און אהן דער שאלונג פון שופרות און פראפאגאנדע איז דאס אלץ געשעהן.

פון דעם אלעם קאנען מיר און מוזען מיר לערנען ווי אזוי צו דערגרייכען דעם חלום פון שיבת ציון, ווי אזוי צו שאפען א אידיש ארץ ישראל מיט א אידישע מערהייט, א אידישע היימלאנד געבויט אויף אידישער ארבייט, און וואו די אידישע ארבייטערשאפט וועט פארנעהמען ניט די מאכט, און אפשר אויך ניט דעם מזרח, נאר דעם ארט וואס איהר געהערט לויט איהר צאהל, קרבנות און מעגליכקייט בייצושטייערען צו דער אלגעמיינער זאך.

דאס וועט אבער ניט געמאכט ווערען דורכ'ן פארטיי ציוניזם נאר דורך דעם אקטיווען פאלקס-ציוניזם וואס אויף זיין שוועל שטעהען מיר איצט, און וואס זיין אנקומען איז פראקלאמירט געווארען דורך ווייצמאנ'ס אוועקגאנג.

גענוי וואס איך פארשטעה אונטער'ן ווארט „אקטיווער פאלקס-ציוניזם" וועל איך אויסטייטשען אין קומענדען ארטיקעל.

THORNCLIFFE PARK
הערבסט רייסעס
פון
שבת, 12-טען סעפטעמבער
ביז
שבת, 19-טען סעפטעמבער

ערשטע רייס פאנגט זיך אן 2.30 נ. מ.
דזשענעראל אדמישאן $2.00 (טעקס אריינגערעכענט)

ספעשעל טי. טי. סי. קאטשעס פארען פון יאנג סט. און סט. קלעיר. דענפארט און פייף עוועניוס יעדע עטליכע מינוט.
סי. פי. אר. רייס ספעשעל צוג פארט אפ פון נארט יאנג סטריט 2.00 נ. מ. דירעקט צום טרעק.

Thorncliffe Park Racing and Breeding Association, Limited
W. R. WOOLLATT
פרעזידענט און דזשענעראל מענעדזשער.
F. S. LIVINGSTON
סעקרעטארי טרעזשורער.

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
THE HEBREW JOURNAL

Published by
JOURNAL PUBLICATIONS OF TORONTO, LIMITED
542 DUNDAS ST. WEST - Telephones: TRINITY 6830-6831
NATHAN FRIEDLAND, President.
Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario.
Subscription Rates: $6 PER YEAR— $3.50 SIX MONTHS
Single Copy—3 cents.
Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O., Toronto,
January 22nd, 1913.

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL TORONTO, ONT. 25

400 אידישע פאמיליעס

פיער הונדערט אידישע פאמיליעס ווערען דירעקט געשטיצט פון דער "פעמילי וועלפעיר", די אפטיילונג פון דער צדקה פעדעראציע, וועלכע שטיצט ארימע פאמיליעס.

די צאל אליין איז א שוידערליך גרויסע. אבער אין דער יעצטיגער צייט פון עקאנאמישען קריזיס מאכט עס ניט מער קיין רושם. פיער הונדערט מער אדער פיער הונדערט ווייניגער. באטראכט מען אבער אז פיער הונדערט אידישע פאמיליעס מיינט מעגליך איבער צוויי טויזענט נפשות, מוז מען זיך אפשטעלען און זיך פארטראכטען.

צוויי טויזענט אידישע נפשות קומען אן צו קצבה טאג־טעגליך. און ווי גרוים די רעסורסען פון דער צדקה פעדעראציע זאלען ניט זיין, איז אונמעגליך אויפצוהאלטען אזא צאל טאג־טעגליך מיט אלעס און וואס א פאמיליע נויטיגט זיך. אויב ניט צו לעבען, איז כאטש צו גדייען.

העלפען ארימע פאמיליעס איז דאך ניט מער ווי איינע פון 14 אנדערע אקטיוויטעטען, מיט וועלכע די צדקה פעדעראציע פארנעמט זיך. איז דען מעגליך, אז די פעדעראציע זאל זיך אפגעבען מיט איין אפטיילונג פון דער ארבייט און פארנאכלעסיגען אלע איבעריגע?

מיר ווילען ביי דער געלעגענהייט אנרירען אויף א פונקט, בעסער געזאגט, אויף אן אמת, וועלכען מען האט קיינמאל אין דער עפענטליכקייט ניט דיסקוטירט, אדער מורא געהאט צו דיסקוטירען. מיר רירען עס יעצט אן, ווייל מיר גלויבען, אז ווי דער אמת זאל ניט וויי טאן מאנכעס מאל, איז עס אבער דאך פארט דער אמת, און ער מעג געזאגט ווערען.

די ברייטע אידישע פאלקס מאסען אין טאראנטא האבען געקוקט, און קוקען נאך ביז א געוויסען גראד יעצט אויך, אויף דער צדקה פעדעראציע אין שטאדט ווי אויף אן אינסטיטוציע פון רייכע, וועלכע נידערען אראפ צו די ארימע אויסטיילען צדקה. און ווי אזוי רייכע, זאטע טיילען ארימע הונגעריגע צדקה, ווייסען אלע, און צו דעם באציהט מען זיך מיט א געוויסער מאס פאראכטונג.

צוליעב דעם דאזיגען מאטיוו איז די צדקה פעדעראציע קיינמאל ניט געווען צו פאפולער צווישען די אידישע פאלקס מאסען און במילא אויך ניט צווישען די אידישע ארגאניזאציעס.

אז די צדקה פעדעראציע אי זדאס געווען בי זא געוויסען גראד פון אנהויב פון איהר עקזיסטענץ, איז אויך א גרויסער אמת.

די צדקה פעדעראציע אין טאראנטא איז גלייך פון אנהויב ניט געשטעלט געווארען אלס דעמאקראטישע אינסטיטוציע. זי האט אפילו אויסגעשלאסען דעם מיטעל־קלאס. צי עס איז געווען אבזיכטליך אדער ניט, ווייסען מיר ניט. אבער דאס איז געווען א פאקט, אז בלויז די, וועלכע קענען געבען מיט א פולער האנט, זענען געשטאנען אין דער שפיצע און האבען געפירט די אינסטיטוציע. אלע אנדערע זענען פאררעכענט געווארען אין דעם קלאס פון "נעמער".

אמת, דורך די יארען פון איהר עקזיסטענץ איז די פעדעראציע א היבש ביסעל דעמאקראטיזירט געווארען. אויך א גרויסער טייל פון מיטעל־קלאס איז אריינגענומען געווארען, אבער דער בליק אויף דער אינסטיטוציע איז פארבליבען דער זעלבער.

ניט אכטענדיג וואס די פעדעראציע, אלס אזעלכע, פארנעמט זיך שוין ניט דירעקט מיט דער אקטועלער־צדקה ארבייט. זי איז בלויז די זאמלערין און צוטיילערין פון די פאנדען. דאך קוקט מען אויף איר ווי אויף דער רייכער מומע'ן, ווי אויף דער "באארד אף גארדיענס" אין ענגלאנד אדער ווי אויף דעם באראן הירש פאנד.

די צדקה פעדעראציע היינט צו טאג, ווי געזאגט, איז בלויז די פארמיטלערין צווישען די אקטועלע צדקה טוער און די מנדבים, ווי למשל, דער בית יתומים, דער אידישער האספיטאל, די פארשיידענע סאציאלע קלובען, זומער קעמפ, פאמיליען הילף, מוטערס און קינדער הילף, "ביג בראדער" און "ביג סיסטערס", און ענליכע אינסטיטוציעס ווערען דירעקט סובסידירט פון דער פעדעראציע. די דאזיגע אגענטורען קענען די ארבייט טאן עפעקטיווער איידער ווען זיי וואלטען זיך געדארפט פארנעמען מיט ביידע זאכען, אי מיט שאפען דאס געלט, אי מיט טאן די ארבייט. אזא סיסטעם איז זיכער די בעסטע און די ווירקזאמסטע, אבער ניט אכטענדיג אויף דעם קוקען די פאלקס מאסען מיט מיסטרויען אויף דער צדקה פעדעראציע, און אפשר איז דאס ווארט "מיסטרויען" ניט דאס פאסיגסטע, נאר איז א געפיל, ווי א בעל צדקה קומט שיינקען א נדבה.

דעם דאזיגען געפיל איז שווער אויסצואווארצלען, און קען אויך ניט אויסגעווארצעלט ווערען בלויז דערמיט, וואס מען וועט ארויסקומען און זאגען, אז די צדקה פעדעראציע איז יעצט ניט מער דאס, וואס זי איז געווען, אדער דאס, וואס זי איז.

די צדקה פעדעראציע נויטיגט זיך אלע מאל, און איבערהויפט יעצט, אין די פאראייניגטע קרעפטען פון דער גאנצער אידישער טאראנטא צו לינדערען די נויט פון די ארימע. אויפצוהאלטען די אינסטיטוציעס, וועלכע פונקציאנירען יעצט אין טאראנטא, און אום צו האבען די פולע שטיצע פון די אידישע פאלקס מאסען, זענען ניט גענוג קיין ווערטער און ניט קיין הבטחות. מעשים זענען נויטיג.

איז עס דאך מער ווי א צופאל דאס, וואס די צדקה פעדעראציע צעהלט בלויז א מיטגלידערשאפט פון עטוואס מער ווי טויזענט, פון א באפעלקערונג פון איבער פופציג טויזענט.

די צדקה פעדעראציע וועט מוזען געווינען דעם פולען צוטרויען פון די ברייטע אידישע פאלקס מאסען, א זאך, אין וועלכער זי נויטיגט זיך איהר שטארק דורך דעמאקראטיזירען די אינסטיטוציע אין פולען זין פון ווארט.

די צדקה פעדעראציע מוז האבען א ברייטערע פארטרעטערשאפט אין דער לייטונג פון מיטעל־קלאס און ארבייטער מאסען, ווייל דאס פאלק וועט האבען צוטרויען בלויז צו פאלקס מענשען און ניט צו בעלי צדקות.

און דער אמת איז דאך, אז דאס פאלק, די מאסען קוקען מיט אנדערע אויגען אויפ'ן ארימאן, איידער דער פילאנטראפ. אזא אמת מעג מען דאך אויך זאגען. און ניט אכטענדיג וואס מיר ווייסען, אז די צדקה פעדעראציע איז שוין לאנג ניט דאס, וואס זי איז געווען אין אנהויב פון איהר עקזיסטענץ, מוז עס אויך וויסען די גאנצע אידישע טאראנטא, און וויסען קען זי עס דורך מעשים.

פאר א פאראייניגטער אידישער טאראנטא הינטער דער צדקה פעדעראציע וועט זיין א גאנץ קליינע פראבלעם צו העלפען פיער הונדערט אידישע פאמיליעס קאנסטרוקטיוו און ניט דורך צדקה.

ארבייטורער

פון יצחקי

בלויז איין מאל אין יאהר וואלט איך געוואלט זיין אן ארבייטער — דאס איז "לייבאר דעי", — דער טאג ווען די קאפיטאליסטישע וועלט שלעפט ארוים דעם ארבייטורער פון מיסט־קאסטען, רייניגט איהם ארום, ראזירט איהם ארום און דרייט אויס די וואנצעס זיינע אזוי ווי האלבע בייגעלאך, און שטעלט איהם נאכדעם אוועק אויף אן איבערגעקערטען פעסעל אז די וועלט זאל קוקען און זיך שפיגלען...

איך ווייס אז "באי־ראיט" פאסט זיך איצט ניט דער דאזיגער ענין. ער האט זיך געפאסט מיט א וואך צוריק. מיך אהרט עס אבער ניט, ווייל איך האב שטענדיג הנאה, צו טאן זאכען וועלכע פאסטען זיך ניט....

האב איך געלייענט אין דער טאראנטא'ר פרעסע אז די "לייבאר דעי" פאראדען אין טאראנטא זיינען היינטיגען יאהר געווען א דורכפאל. צוויי פאראדען זענען געווען — איין פאראד פון די "אינטערניישאנעל טרייד יוניאנס" און א צווייטער פאראד פון די "נייישאנעל" יוניאנס, און ביידע פאראדען זיינען געווען עפעס אזוי מאגער, אויסגעצעהרט, אז אפילו די טאראנטא'ר "טעלעגראם" האט זיך נעבאך געמוזט אויסווישען אן אויג...

ווארום זיינען די פאראדען געווען אזעלכע מאגערע?

די "טעלעגראם" זאגט אז דאס איז דערפאר ווייל די ארבייטער ליגט היינט ניט אין זינען אזעלכע נארישקייטען. די דערמאהנטע צייטונג שרייבט אזוי: אלס אן אפשפיגלונג פון די ארבייטסלאזיגקייט־צייטען וועלכע די ארבייטערשאפט אין אלגעמיין מאכט איצט דורך, זיינען די צוויי דעמאנסטראציעס וועלכע זיינען דורכגעפיהרט געווארען אין 'לייבאר דעי', געווען די קלענסטע וואס די דאזיגע צוויי קערפערשאפטען האבען, זייט פיעלע יאהרען, געהאט אין טאראנטא."

* * *

האב איך געלייענט און געקוועטשט מיט די פלייצעס. פארקעהרט, מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז וואס ערגער די צייטען זיינען, אלץ גרעסערע ארבייטער פאראדען דארפען זיין. איך ווייס אז אין אנדערע לענדער זיינען די ארבייטער פאראדען געווען די ריזיגסטע, דוקא אין שלעכטע צייטען — אין איינקלאנג מיט'ן מארקסיזם וועלכער לערנט אונז אז "וואס ערגער דעם ארבייטער אלץ העלער זיינען די אויסזיכטען זיינע פאר אן אלוועלטליכער ארבייטער־רעוואלוציע".

און אז היינט איז דעם ארבייטער ביטער — דאס דארף איך דאך איך דאכט זיך ניט דערצעהלען.

אט ליגט פאר מיר א באריכט פון דער צענזוס ביורא אין וואשינגטאן, וועלכער דערצעהלט מיר, אז עס איז אויסגערעכענט געווארען דאס אין די פאראייניגטע שטאאטען זיינען אלע מיליאנען ארבייטסלאזע ניט עלטער פון 48 יאהר. און דער זעלבער באריכט דערצעהלט מיר אויך אז מיט א יאהר צוריק זיינען געווען אין אמעריקע 49 מיליאן באשעפטיגטע ארבייטער, פון וועלכער צאהל, בלויז 10 מיליאן זיינען פרויען.

40 מיליאן באשעפטיגטע ארבייטער זענען פאראן אין די פאראייניגטע שטאאטען און קרוב צו 10 מיליאן ארבייטסלאזע זיינען פאראן אין דעם זעלבען לאנד, פון וועלכע קיינער איז ניט עלטער ווי 48 יאהר.

* * *

איך שטעל זיך פאר אז ווען די דאזיגע 50 מיליאן ארבייטער וועלכע לעבען אדער שטארבען פון זייער פראצע זאלען ארויסגעהן ווי איין מאן איבער די אמעריקאנער גאסען, און זאלען געבען (צוזאמען) א שטארקען בלאז, וואלט תיכף איינגעפאלען דאס ווייסע הויז אין וואשינגטאן און הואווער צוזאמען מיט זיין הואווריכע וואלטען אוועקגעטראגען געווארען אזש צום נארד־פאל.

אבער דאמאלסט וואלט מען זיך ניט אזוי געצאצקעוועט מיט'ן ארבייטורער, מען וואלט דעם "לייבאר־דעי" דערקלערט אלס אן אונגעזעצליכען ארבייטער יום טוב (אזוי ווי להבדיל דער ערשטער מאי), און די פאליציי, מיט דער הילף פון ספעציעלע מיליטערישע אפטיילונגען וואלטען געווארען שטארק "ביזי" שפאלטענדיג ארבייטער קעפ — אט טאקי די זעלבע קעפ, מיט וועלכע מען שפיגעלט זיך עס איצט אזוי...

* * *

א קלוגער אידעל איז ער געווען דער דאזיגער סעמועל גאמפערס, דער ערשטער "טאטע" פון דער "אמעריקען פעדעריישאן", וועלכער האט געבראכט אויף דער וועלט דעם "לייבאר דעי". עס איז דאך ממש א פארגעניגען צו זעהן ווי אזוי ארבייטער (אמת'ע פארשווארצטע הארעפאשניקעס) מארשירען, און פאראויס שפאצירען אזעלכע פיינע לייט ווי מעיארס, קאנטראלערס און בכלל מענשען פון די "העכערע ספערען".

א גאנץ יאהר קעהרען זיי זיך איינס מיט דאס אנדערע קנאפ־וואס אן, נאר אום "לייבאר־דעי" איז עס א מצוה.

מען דארף דאך אמאל געבען א'שאו" דעם "פור ווארקינגמען" אויך — איבערהויפט אז דאס העלפט צו די ביזנעס...

ציוניזם אויף דער שוועל פון א נייער תקופה

(דער איבערגאנג פון פארטיי־ציוניזם צו אן אקטיווען פאלקס ציוניזם.)

פון הרב יהודא ליב זלאטניק.

צווייטער ארטיקעל

די אגדה זאגט, דאס די סבה פון בר־כוכבא'ס פאלען איז געווען דאס וואס ער האט געזאגט צו גאט: ,,מיר פארלאנגען ניט דאס דו זאלסט אונז העלפען, אלץ וואס מיר פארלאנגען איז דאס דו זאלסט ניט העלפען אונזערע שונאים.

די הויפט סבה פון ווייצמאנ'ס פאלען איז געווען וואס ער האט געזאגט צו דער בריטישער רעגירונג, מיר פארלאנגען ניט דאס דו זאלסט אונז העלפען, אלץ וואס מיר פארלאנגען איז דאס דו זאלסט ניט העלפען אונזערע קעגנער. און אויך צום אידישען פאלק האט ער געזאגט:

אידלאך, מיר פארלאנגען ניט דאס איהר זאלט בויען ארץ ישראל, גיט אונז געלט און מיר וועלען שוין בויען ארץ ישראל פאר אייך.

מען מוז געדענקען דאס אין 1920־21 זענען מיר אלע געווען טרוימער, ענטוזיאסטען, אידיאליסטען, געוואלט בויען א לאנד מיט אייגענע כחות, אייגענע קרבנות, און ניט גלאט א לאנד, נאר א מוסטער־לאנד, לויט די אידעאלען פון די נביאים און די טעאריעס פון להבדיל קארל מארקס.

מיר האבען ניט געזעהן דאס ענגלאנד זאל באלד פון אנפאנג ווערען א שותף אין דער אויפבוי ארבייט, אונז געבען מלוכה־לענדער, איינארדנען א נאציאנאלע אדער אינטערנאציאנאלע הלואה, שאפען אגרארע און אימיגראציע געזעצען, א סיסטעם פון טאריף, טעקסעס א.ד.ג. וואס זענען נויטיג צו דער שנעלער אנטוויקלונג פון לאנד. מיר זענען ניט געקומען צו דער רעגירונג מיט א גענויען פלאן אז דאס און דאס איז נויטיג אום במשך פון אזא און אזא צייט זאל אדער דאס דערגרייכט ווערען.

מיר וועלען שוין אליין מאכען, האבען מיר געטראכט, זאלען זיי אונז נאר ניט שטערען, האבען זיי אבער אונז יא געשטערט, איז מען געקומען מיט שתדלנות אין יעדען פאל באזונדער, אמאל גע'פועל'ט אמאל ניט גע'פועל'ט, אבער קיינמאל האבען מיר ניט אוועקגעשטעלט די פראגע אין גאנצען פארנעם און ערנסטקייט.

אפילו ביי זיין פראגראם־רעדע ביי דעם לעצטען קאנגרעס איז ער זיך מודה און זאגט:

,,אמת, מיר האבען ניט פארלאנגט און ניט דערוווארט דאס די רעגירונג זאל בויען פאר אונז אונזער נאציאנאלע היים. מיר האבען אבער פארלאנגט צו געבען אונז די מעגליכקייט צו טאן די ארבייט אליין אהן שטערונג, און צו פעדערען אונזער ארבייט אי דורך אלגעמיינע פאליטיק פון דער מאנדאטען־מאכט, און אין דער טעגליכער אדמיניסטרירונג פון לאנד".

ווען מיר האבען דעריבער יעצט טענות צו דער ענגלישער אדמיניסטראציע אין ארץ ישראל, און ווייצמאן איז זייער באמיהט זיך צו געפינען די אורזאכען פארוואס זיי האבען אונז ניט מיטגעהאלפען נאר להיפך אזוי אפט נאך געשטערט, איז גאנץ מעגליך אז דאס איז געווען נאר־אונזער אייגענע שולד וואס מיר האבען ניט קלאהר געמאכט ניט זיך און ניט דער רעגירונג, וואס אייגענטליך מיר פארען און דערוווארטען פון איהר.

די באאמטע האבען קיינמאל ניט געוואוסט גענוי וואס עס איז זייער אויפגאבע. פון אלע מלוכות וואס זענען אויפגעשטעלט געווארען נאכ'ן קריעג זענען מיר געוועזען די איינציגע וואס האבען געגלויבט דאס אהן קיינעמ'ס הילף און אהן פרעמדע הלואות קאנען מיר אלץ דערגרייכען, נאך מעהר; מיר האבען געוואלט אפשאפען אין אונזער מלוכה אלע חסרונות און אומרעכטען פון דער אלטער וועלט. ניט קיין עקספלואטאציע, ניט קיין לופט געשעפטען, קיין שפעקולאציע, קיין שאכער מאכער ניט, נאר ארבייט — נאר זעלבסט־ארבייט, אידעאלען, אידעאלען און אידעאלען.

האבען אידישע מאסען זיך אמאל א לאז געטאן נאך ארץ ישראל, האט דער פיהרער זיי אויסגעלאכט און אונז אנגעשראקען: נאלעווקים קומען! פינסק עליך ישראל!

ווער ברויך די דאזיגע אידען? זאלען זיי נאר געבען געלט, וועלען מיר מיט אונזערע חלוצים שוין בויען דאס אידעאלע, אויסגעטרוימטע מוסטער־לאנד.

דערצו זענען מיר אלע דאן געוועזען דערהויבען זעהענדיג דעם שטראם פון חלוצים, די בערייטקייט פאר מסירות נפש פון אונזער יוגענט, און מיר זענען אלע מיטגעריסען געווארען מיט באגייסטערונג פאר'ן חלוצים אידעאל.

און דערווייל איז עס געוועזען א באקוועמע זאך. איינמאל אין געמאכט א פלעדוש, ביסלעכווייז אויסגעצאהלט אדער זיך איינציגוויז אפגענארט, און יוצא געווען דעם חוב פאר'ן פאלק און לאנד.

מ'האט דערוווארט אז כלל־ישראל וועט געבען גענוג געלט, א מינימום פון פינף מיליאן פונט א יאהר בלויז פאר'ן קרן היסוד, היינט קרן קימת, הדסה א.ז.וו. וועט מען אלע חלומות פון א אידישער מלוכה, און פון סאציאלער גערעכטיגקייט, אלץ מיט איינמאל רעאליזירען.

די ווירקליכקייט און די פאקטען געהען זיך אבער זייער וועג און ווערען פון טעאריעס גאר ניט נתבטל.

אוועק א יאהר, אוועק שוין עלף יאהר, און דער קרן היסוד האט נאך די ערשטע פינף מיליאן פונט ניט געזאמעלט.

עס איז שוין קלאהר, דאס העכסטענס קאן דער קרן היסוד זאמלען א האלבען מיליאן פונט א יאהר, און דערפון קאן העכסטענס נאר איין דריטעל אפגעגעבען ווערען פאר קאלאניזאציע. א פיהרער וואס ארבייט מיט א פלאן און לעבט ניט מיט אפארטוניזם, וואלט שוין לאנג געווען איינגעזעהן דאס קיין חלוצים מלוכה קאנען מיר אין ארץ ישראל ניט אויפשטעלען, און דאס גאנץ אנדערע מעטאדען מוזען אנגענומען ווערען אום די אידישע נאציאנאלע היים צו בויען.

ער ענדערט אבער ניט זיין וועג. ער ווערט אין כעס אויפ'ן כלל ישראל. זיינע טעאריעס מוזען פארווירקליכט ווערען. א חלוצים מלוכה, אנדערש ניט. דערצו מוז מען האבען געלט, און א סך געלט, מעהר — פיעל מעהר אלס די ציוניסטישע ארגאניזאציע קאן שאפען, דאן קומט דער געדאנק פון א אידישער אגענטור. אפשר וועט מען אזוי ארום באקומען די נויטיגע געלדער.

אמת, מען מוז פארקויפען די ציוניסטישע ארגאניזאציע און דעם קאנגרעס צו זייטיגע פרעמדע מענשען, פאר געלט וואס מען קאן דערוויל ניט איבערצעהלען, ווייל עס עקזיסטירט נאר אין די פארצווייפעלטע האפנונגען פון דעם פיהרער וואס וויל שיסען צוויי האזען מיט איינמאל, הן אידיש לאנד און הן סאציאליזם פארווירקליכט, אבער פארפאלען, אפשר איז די אגענטור די רעטונג.

ער פיהרט א פארצווייפעלטען און פארצוויגענעם קאמף. ער זיגט. אומגליקליכע געשעהענישען פאלגען נאך, איינס נאכ'ן צווייטען, די אגענטור ברייננגט ניט די ערוואורטעטע הילף.

דער תירוץ איז דא: ווען מארשאל וואלט ניט געשטארבען!... ווען...

הייסט עס פארקויפט די ציוניסטישע ארגאניזאציע צו איין מענש! אבער פארפאלען, א בארגיין איז א בארגיין.

דער פיפטי־פיפטי בארגיין מיט דער אגענטור איז געווים קיין ערפאלג ניט געוועזען. דער פיהרער שטעהט אבער ווייטער אויף זיין ארט. ער שטעהט אין 1931 וואו ער איז געשטאנען אין 1921.

אן ארבייטענדעס ארץ ישראל איז ניט גענוג פאר איהם נאר א זעלבסט ארבייטענדעס.

נאך היינט אין 1931 פאדערט ער אין זיין פראגראם־רעדע דאס יעדער חלוץ מוז האבען די האפנונג דאס דורך נאציאנאלע מיטלען וועט ער ווערען א זעלבסטשטענדיגער קאלאניסט.

הגם ער ווייסט דאס לויט דר. רופינ'ס ציפערען איז דא אין ארץ ישראל ארט פאר א מינימום פון פופציג טויזענט פאמיליעס זיך צו באזעצען אויפ'ן לאנד, און ער ווייסט מסתמא דאס מינימום דארף מען א טויזענט פונט צו מאכען א פאמיליע אויפ'ן לאנד זעלבסטשטענדיג. און ער ווייסט מסתמא אז די פופציג מיליאן פונט וואס זענען לויט דעם חשבון נויטיג פאר קאלאניזאציע, וועט דער קרן היסוד קיינמאל ניט דערגרייכען.

אנשטאט אבער אויפצוגעבען זיינע עקאנאמישע אוטאפיעס און אויסארבייטען א פראקטישען פלאן פאר דער פארווירקליכונג פון די ציוניסטישע אידעאלען, בלייבט ער ביי זיינע סאציאלע אוטאפיעס און מאכט פשרות מיט די ציוניסטישע אידעאלען.

און דא איז דער סוד, וואס יעצט, ווען דער צוזאמענברוך פון די סאציאלע אוטאפיעס איז קלאהר, קומט דער פיהרער און הויבט אן צו פארציכטען אויף דער פארווירקליכונג פון א מעהרהייט, געהט איין אויף פאריטי רעכט א.ז.וו.

אמת מען רעדט וועגען פריוואט איניציאטיווע, וועגען פריוואט קאפיטאל א.ד.ג. אבער אלץ מיט א האלב מויל, ניטא די באציהונג, ניטא דער גלויבען, ניטא די ענערגיע עס צו ארגאניזירען, קוראזשירען און עס ווי געהעריג אויסנוצען.

אויסגעוואקסען אן אינדוסטריע וואס באשעפטיגט דרייסיג טויזענט מענשען, געפלאנצט געווארען זעכציג טויזענט דונאם אראנזשעס וואס אין נאך פינף יאהר ארום וועט עס אפשאפען די קללה וואס רוהט אויף ארץ ישראל, די קללה וואס דער אימפארט שטייגט איבער דעם עקספארט מיט פינף מיליאן פונט יעהרליך — אבער דאס אלץ איז א קלייניגקייט, א נעבען זאך. דעם צענטער פון ציוניזם און דעם מזרח פארנעהמען אלץ ווייטער די פיערצען הונדערט פאמיליעס וואס זענען קאלאניזירט געווארען און ווערען געשטיצט פון די נאציאנאלע קאפיטאלען.

די סאציאליסטישע אוטאפיע לעבט נאך. אבער די האפנונג פאר אידישער מעהרהייט איז גוסס'ט. שלום מיט דער רעגירונג, א קליין ציוניזם. אנשטאט א אידיש לאנד — זאל זיין א קולטור־צענטער. האט ניט געלונגען דער פיפטי־פיפטי בארגיין מיט דער אגענטור זאל זיין א פיפטי־פיפטי בארגיין מיט די אראבער.

איינציגוויז, צו ביסלאך וויפיעל די כחות וועלען טראגען וועלען מיר מיט די ארבייט אנגעהן.

דאס איז געווען די טראגישע געשיכטע און טראגישע שטעלונג פון'ם פיהרער.

דער געזונטער אינסטינקט פון קאנגרעס האט אבער רעבעלירט — און מיט וועהטאג אבער מיט ענטשלאסענקייט האט די קאנגרעס מעהרהייט זיך אפגעווארפען, ניט פון ווייצמאנ'ען — ווייצמאנ'ס ארט אין דער אידישער געשיכטע איז פארזיכערט, און ווייצמאנ'ס פערזאן איז ביי אלעמען פארהערליכט — נאר פון זיין פארצווייפלונג און זיינע שוואכקייטען, וואס האבען גאר ניט צו טאן מיט'ן ציוניזם און אפילו ניט מיט דער פאליטיק פון דער מאנדאטען מאכט און אדמיניסטראציע — נאר מיט זיינע סאציאלע חלומות וועלכע האבען אונז אלע אמאל פאר'כשופ'ט, וועלכע די ווירקליכקייט וויל אבער ניט אנערקענען.

און אליין איז דער פיהרער געבליבען. אליין אין זיין מאיעסטעטיש־טראגישער פיגור. און ער איז אריבער צו די ארבייטער בענק.

עס ברויכען אבער די ארבייטער יעצט צו באנרייפען, אז די קאנגרעס־מעהרהייט איז ניט קעגען דעם ארבייטענדען ארץ ישראל — ווער אנערקענט דען ניט דעם יסוד פון אידישער ארבייט.) ווער ווייסט ניט דעם ווערט פון חלוצים, ווער וויל ניט זעהן דעם אידישען ארבייטער אין ארץ ישראל גליקליך, לעבענדיג א פרייען אצת מענשליכען לעבען.

(פארזעצונג אויף פיריש 3)

מיר זענען צדיקים

(פעליעטאן)

פון מ. אינדריטץ.

איצט, אז דער רבונו של עולם האט אונז שוין אריינגעשריבען אין ספר החיים און מיר מעגען האפען, אז דער אנקומענדער יאהר וועט אונז ברענגען ישועות ונחמות, קענען מיר שוין היינט פאסטען מיט א פרעהליכען געמיטה... און מיר קענען שוין נעהמען טראכטען וועגען איינארדענען אונזער ווייטערדיגען גאנג פון לעבען.

אמת, עס קומט נאך דער יום כפור, מען דארף נאך לייגען דעם זיגעל, דאן קומט נאך הושענא רבה, ווען מען דארף אויסטיילען די קוויטלאך, אבער דאס זענען דאך פארמאליטעטען. דער רבונו של עולם איז א גוטער, ער וועט חתמענען צום גוטען און דער קוויטעל וועט זיין א גוטער והכל על מקומו יבא בשלום... ווארום זשע דען ניט? מיר זענען נאך אלץ לגבי דער וועלט און לגבי אנדערע פעלקער צדיקים גמורים...

אמת, פיעלע פון אייך וועלען באוואונדערען מיין אפטימיזם און וועלען ניט איינשטימען, אז מיר זענען גאלע צדיקים, אזוי פיעל גוטע יאהרען קען מען זיך ווינשען, וויפיעל עס זענען פאראן צווישען אונז אזעלכע, וועלכע פארדינען ניט אזא בכבוד'יגען טיטול, אבער דאס איז נאר כלפי פנים, גענען אונז גופא. כלפי חוץ, רבותי, אבער זענען מיר נאך אלץ די אמת'ע צדיקים.

ווארום אויב מיר, רבותי, קענען אין אזעלכע הייליגע פארכטיגע טעג זיך אוועקשטעלען בעטען ביים רבונו של עולם פאר דעם וואהלזיין פון דער גאנצער וועלט, אויב מיר קענען בעטען פאר דעם וואהלזיין פון אלע פעלקער, זענען מיר באמת צדיקים גמורים. ווארום פארדינען פארדינט דאס די וועלט ניט... מיר ווערען באהאנדעלט אזוי, אז עס איז אונמעגליך גאר מעהר צו ליידען. טאמער געפינט זיך דא און דארט א לאנד, וואס וויזט צו אונז ניט ארוים קיין אפענע שנאה, ווערט עס אבער פארדונקעלט אין דעם ברוישענדען ים פון שנאה און אכזריות צו אונז און די איבעריגע לענדער.

אט איז אוועק א יאהר און זאגט מיר, איך בעט אייך, וואס פאר א ליכטיגען פונקט האבען מיר צו פארצייכענען בנוגע די באציהונגען צו אונז? אויסער אונזער לאנד דא אין אמעריקא, איז אין איבעראל אנצואווייזען בלויז רדיפות און צרות. נעהמט אפילו ענגלאנד, וואו אידען געניסען שוין אלעס בעסטעס און וואס פאר א יאהר זי האט עס אונז דערלאנגט! וויפיעל עגמת נפש מיר האבען געהאט פון אנדערע לענדער, איז די עגמת נפש פון דער האנדלונג פון ענגלישען קאבינעט מיניסטערוים די גרעסטע. אין גאנצען חשך פון אונזער גלות לעבען, האט פאלעסטינא פאר אונז געלויכטען ווי א פייערדיגער זייל, האבען די האפנונגען אויף א אידישער היימלאנד געגעבען אונז מוטה און ענערגיע, האט ציון פארנומען ביי אונז א גרויסען אנגענעהמען פלאץ אין אונזער הארץ און מוח, ספעציעל איז עס ריכטיג געווען אין די לעצטע עטליכע יאהר, זייט דער באלפור דעקלאראציע, איז געקומען ענגלאנד און גענומען געבען אונז פעטש איינע נאך די אנדערע אז פונקען זענען געפלויגען. מיר האבען ניט אויסגעפיעט קומען צו זיך פון איין קלאפ, איז געפאלען א צווייטער, א דריטער און אזוי ווייטער און אזוי נעהענטער. פרושים נאך פרושים. און יעדער פירוש איז געווען ערגער פאר דעם פריהערדיגען. ווען מיר זענען, חלילה, ניט קיין פאלק פון אפטימיסטען און ווען מיר קענען ניט א מאך טאן מיט דער האנט און מבטל זיין צרות, ווען מיר זענען ניט איבערפילט מיט דעם באוואוסטזיין, דאס מיר האבען שוין גרעסערע אומגליקען אריבערגעלעבט, וואלט השם יתברך ווייס וואס געווען... עס וואלט געווען שווער צו קומען צו זיך..

און אויב, רבותי, נאך דעם אלעמען קומען מיר אין די הייליגע טעג צום רבונו של עולם און נעהמען זיך משתדל זיין ביי איהם, ער זאל די וועלט און איהרע מענשען צום גוטען דערמאהנען, זענען מיר ניט נאר צדיקים, נאר פשוט הייליגע, מען דארף שוין זיין צו הייליג צו קענען זיין אזעלכע פארגעבער . . .

און ביטע פארשטעהט זיך, איך מיין ניט חלילה, אז מיר דארפען עס ניט טאן. נישקשה, מיר מעגען און דארפען זיין פארגעבער, מיר מעגען און דארפען זיין גרויסמוטיג צו אונזערע שונאים, אבער איך קאנסטאטיר בלויז א פאקט, אז מיר זענען צדיקים און וואס מען טוט מיט צדיקים ווייסט איהר דאך — לאלתר לחיים און פארטיג. דערפאר מיין אפטימיזם און דערפאר מיין בטחון אויף א גוטען יאהר.

שטעהענדיג ביים מחזור און טראכטענדיג וועגען די תפלות איז מיר איינגעפאלען ווי אנדערש וואלטען עס געהאנדעלט די, וועלכע פרעדיגען "מען זאל אונטערשטעלען די אנדערע באק בעת מען קריגט א פאטש אין דער ערשטער". זיי ווילען קיין עולות ניט פארליידען. זיי ווייסען ניט פון פארגעבונג "טי מניע רוגאל" — דו האסט מיך געפאטשט, דארף איך דיר דערלאנגען אין דער "מארדע" אריין. קען איך ניט היינט, וועל איך עס טאן מארגען, איבערמארגען, איבער א יאהר. פארגעסען וועל איך ניט.

און קען איך ניט דערלאנגען בפועל ממש מיט די ידים, אז צייהן זאלען פאלען, איז כאטש מיט דער מויל, איז כאטש טראכטען אין הארצען... ווען ניט אט דיעזע שטעלונג, וואלטען מיר ניט געהאט אזוי פיעל מלחמות, וואלט די וועלט ניט געווען אזא פאסקודנע, וואלטען מענשען געהאט אן אנדער פנים, וואלט מען ניט געוואוסט פון אזוי פיעל צרות און פיין. זיי פרעדיגען טאקע אונטערשטעלען די אנדערע באק, אבער דאס איז אלץ גערעדט ביז מען כאפט דעם פאטש...

קריגט מען שוין א פאטש, פארגעסט מען אלעס מיט אן אנדער, מען פארקאטשעט די ארבעל און דאוואי שלאגען זיך אויף וואס די וועלט שטעהט... דאס איז די שטעלונג פון דער וועלט, א חוץ מיר אידען. מיר, ניט נאר דערלאנגען מיר ניט צוריק, נאר מיר פארגעבען נאך און ניט נאר שילטען מיר ניט, נאר מיר בעטען נאך פאר דעם שוא'ס וואהלזיין... מיר ווילען ניט זעהן דעם שלעכטען פארניכטעט, נאר מיר ווילען זעהן דאס שלעכטע פארניכטעט, יתמו חוטאים לא כתיב אלא יתמו חטאים — די זינדיגע זאלען אומקומען, איז ניט געזאגט געווארען, נאר די זינד זאל זיך ענדיגען..

א פאלק וואס קען אזוי האנדלען, רבותי, איז א פאלק פון צדיקים, נעווער מאינד, אונזערע אייגענע צווישען־זוכענדיגע חשבונות, מיר וועלען שוין צווישען זיך דורכקומען.

יעם מעס, סויר! מיר זענען גאלע צדיקים און אלס אזעלכע זענען מיר פארשריבען געווארען לאלתר לחיים, דארפען מיר זיך יעצט נעהמען צו אונזערע אידישע פראבלעמען און זיי לייזען על צד היותר טוב און האט מיר א פרעהליכען תענית...

דאס יאהר תרצ"א אין ארץ ישראל

פון

גרשון אגראנסקי

פאליטיש האט זיך דאס יאהר תרצ"א אין ארץ ישראל אנגעפאנגען מיט'ן בעזוך פון געהילפס־מיניסטער פאר די קאלאניעס דר. דרומאנד שילס.

געטריי צו די טראדיציעס פון קאלאניאל אפיס האט לארד פאספילד'ס געהילף אפילו ניט מרמז געווען אויף סער דזשאהן סימפסאנס רעפארט און אויפ'ן ווייסען פאפיער, אויף וועלכען דער טינט איז שוין געווים טרוקען געווען. איידער ער האט אפרלאזען לאנדאן, און ווען ער איז געצוואונגען געווען צו לויבען די אידישע דערגרייכונגען, האט ער אין דער זעלבער צייט קיינמאל ניט פארגעסען צו דראמאטיזירען די ראמאנטישע אספעקטען פון די אראבישע דערפער.

צו ביידע צדדים, די אידישע און די אראבישע, האט ער נעפרעדיגט צו זיין גוטע שכנים, אבער פאר יעדען איז געבליבען א רעטעניש וועגען די אמת'ע כוונות פון דער רעגירונג. ער האט ניט געשטילט דעם דורשט פון דער באפעלקערונג פאר פאליטישער אינפארמאציע.

דער שטורם איבערן ווייסען פאפיר.

דאס ווייסע פאפיר און דער סימפסאן בעריכט מיט זייער אינטערנאציאנאלען רעפלעקס זיינען באלד געקומען און זענען געווארען א טייל פון דער אויפרעגענדער תקופה פון דער אידישער נאציאנאלער היים אין דעם פארגאנגענעם יאהר. דאס ווייסע פאפיר האט גראד געטאן דאס, וואס אידישע פארשטעהער אין ארץ ישראל האבען געזאגט דר. שילס, אז זיי וועלען דערויף קיינמאל ניט מסכים זיין. זיי האבען איהם בפירוש מודיע געווען, אז אידען קענען נאר אויפגעפאדערט ווערען צו ברענגען קרבנות פאר ארץ ישראל אויב דער קרבן איז ניט אבהענגיג פון דער הסכמה פון דער אראבישער מאיאריטעט.

דאס ווייסע פאפיר האט איגנארירט די דאזיגע ווארנונג. ער איז זאגאר נאך ווייטער געגאנגען פון דר. שילדס אויסווייכענדע תשובות, אז די לייבאר רעגירונג האט ניט ברעה צו פארקוקען דעם פאקט, אז די אראבער זיינען די מאיאריטעט אין לאנד און האט די אראבער געקרוינט אלס די איינציגע בעלי בתים.

און דאך האט דאס ווייסע פאפיר ענטוישט די יעניגע אראבער, וועלכע מען האט געהאט איינגערעדט, אז דאס ווייסע פאפיר וועט אינגאנצען אפשטעלען די אידישע אימיגראציע אין לאנד־קויף.

דאס ווייסע פאפיר האט פאראייניגט דעם ישוב אין זיין ווידערשטאנד. די באלדיגע גרינדונג פון א לעגיסלאטיווען ראט מיט דער אידישער הסכמה איז געווען אן אונמעגליכע זאך.

די אחדות איז אזוי שטארק געווען, אז אפילו די גרופע "ברית שלום" האט ערקלעהרט, אז זיי וועלען זיך ניט ערלויבען צו ברעכען דעם פאראייניגטען אידישען פראנט און וועלען ניט פארשלאגען קיין קאנדידאטען פאר די וואהלען.

די "אגודת ישראל" איז אויך געווען פאראייניגט מיט'ן "שארית ישראל" געגען דעם וואס די אידישע ארבייטערשאפט האט פראקלאמירט אלס פערראט, צביעות און בלבול, וועלכעס איז זייער באזים פון דעם ווייסען פאפיר. אבער וועהרענד די ערקלעהרונג פון "ברית שלום" איז דערנאך צוריקגעצויגען געווארען אלס "ניט קיין אויטאריזירטע", איז די "אגודת ישראל" אין ארץ ישראל פעסט געבליבען ביי איהר ערקלעהרונג, ניט קוקענדיג אויף די מיינונגס פארשידענהייטען פון איהרע מיטגליעדער אין חוץ לארץ.

די גרויסע שמחה פון דער אראבישער עקזעקוטיווע מיט'ן נצחון איבערן ציוניזם, וועלכען זי האט שוין בעטראכט אלס א פארמשפט'ען, האט צום ערשטען מאל אין די לעצטע צעהן יאהר ניט פראקלאמירט אן אלגעמיינעם סטרייק דעם 2־טען נאוועמבער 1930. דער 13־טער יאהרטאג פון דער באלפור דעקלאראציע. ביים ישוב איז דער זעלבער טאג מיט אמאל אוים יום טוב געווארען.

אויפ'ן עקאנאמישען פעלד האט דאס ווייסע פאפיר געהאט א מערקווירדיג היפוכ'דיגע ווירקונג אויף ביידע פעלקער. וועהרענד די אידישע עקאנאמיסטען נאך אונטערציהען די לעצטע שורה זיינען געקומען צום בעשלוס, אז ניט קוקענדיג אויפן פאליטישן קלאפ, איז ארץ ישראל עקאנאמיש שטארקער און געזונטער אלס דאס רוב פון אייראפייאישע לענדער, זיינען די זארגען פון די אראבישע לאנד בעזיצער געווארען אלס שארפער און מעהר בולטער. וואס ווייטער האט זיך זייער שמחה אלץ מעהר און מעהר אויסגעוועבט צוליעב דעם פינאנציעלען קריזיס. וואס האט זיך צווישען זיי אנגעהויבען פיהלען און האלט אין איין וואקסען.

אראבישע דאגות

דער עפעקט פונ'ם ניט אפגעשוואכטען שטורם האט גורם געווען, אז איינינע אראבער זאלען זיך פארטראכטען, צו זייער שמחה איז טאקע ניט פריה־צייטיג. די "פאלעסטין", צווישען אנדערע האט געטאדעלט די אראבער פאר זייער כלומרשט ניט אימשטאנד זיין צו מאביליזירען די עפענטליכע מיינונג אויף זייער זייט, לויבענדיג דעם אידישען איינפלוס נאך שטארקער אפשר, וויפיעל ער האט פארדיענט. וועהרענד די אידישע וועלט איז געווען בעוואפענט אין א טייל פון דער ציוויליזירטער וועלט, האבען די אראבער געפונען צו זייער שטוינונג, אז אראבישע איינינקייט און מוסולמענישע ברידערליכקייט איז ניט דאס, מיט וואס מען האט זיך בעריהמט. עגיפטען, קלאגט זיך די צייטונג, האט אייגענע צרות. איראק איז פארטאן אין איהר קאמף פאר אונאבהענגיגקייט: סיריען, אויפ'ן שוועל פון קאנסטיטוציאנעלע ענדערונגען, האט ערווארט דעם צוריקקעהר פון פראנצויזישען נציב פון פאריז. עבר הירדן איז געווען פארנומען מיט איהרע אייגענע קליינע פראבלעמען. העדזשאס און נעזאד האבען זיך ווייניג געקימערט וועגען גורל פון די אראבער אין ארץ ישראל. דאס, שרייבט 'פאלעסטין", האט איבערגעלאזען די אראבער אליין און זיי געמאכט ניט אימשטאנד צו אנטגעגען־שטעלען זיך דעם "בריטישען ציוניסטישען אימפעריאליזם".

ארץ ישמעאל אדער ארץ ישראל ?

דאס שטאמלען פון די אראבער האט געדויערט עטליכע חדשים, אבער עס איז זיי ניט געלונגען צו אנרייצען די אידען, וועמענס הויפט־מיינונג איז ארויסגעזאגט געווארען דורך מ. מ. אוסישקין, אז בריטאניען וויל אן ארץ־ישמעאל און ניט ארץ ישראל, אבער דאס בעסטע מיטעל צו אפווענדען די פאליטישע קלעפ, האט דער בעריהמטער וועטעראן פון פראקטישען ציוניזם געזאגט איז ארבייט און ווידער ארבייט.

ער האט פארענדיגט זיינע פלענער אין צוזאמענהאנג מיט זיין רייזע קיין אמעריקא פאר'ן קרן קימת. ווייל מר. רוטענבערג האט זיך ענטזאגט צו פאהרען קיין לאנדאן צו פארטרעטען דארט דעם ישוב בעת די פארהאנדלונגען מיט ענגלאנד.

די פראגע איז געווען מיט די 15 הונדערט סערטיפיקאטען, וועלכע דער קאלאניאל אפיס האט בעשלאסען מיט אמאל צו געבען די אידישע אגענץ, נאך דעם ווי זי האט מיט 6 חדשים צוריקגערופען מעהר ווי א העלפט.

די דאזיגע קוועטע האט ארויסגערופען א חלוקי דעות אין ישוב.

די רעוויזיאניסטען ווי אויך הער רוטענבערג, דער פארזיצער פון ועד הלאומי זיינען געווען געגען יעדער פארהאנדלונג מיט דער בריטישער רעגירונג. אזוי לאנג ווי דאס ווייס־בוך איז ניט אנולירט און האבען געפאדערט, אז מען זאל אפווארפען די סערטיפיקאטען, אלס א ווערטלאזע מתנה. די מערהייט דאך זיינען געווען געגען עזות און פאליטיק.

פון דער צווייטער זייט האבען די אראבער געהאלטען, אז מיט'ן געבען די סערטיפיקאטען טרעט די בריטישע רעגירונג צוריק פון ווייס־בוך, פארוואנדלענדיג איהם אין א "שטיקעל פאפיר". זיי האבען ווידער אנגעהויבען בענוצען דרוק און סטראשען, כדי דאס ווייס בוך זאל בלייבען אונפארענדערט.

אין א געוויסער מאס זיינען זיי געווען אנקוראזשירט פון סער דזשאהן טשענסעלאר, וועלכער האט געזאגט, אז ער ווייס כלומרשט, אז קיין שום ענדערונג קומט ניט אין בעטראכט. די פארטרעטער פון דער אידישער אגענץ וועלכע האבען פארהאנדעלט אין לאנדאן מיט דער קאבינעט קאמיסיע, האט מען געלאזט וויסען, אז עס איז ניטא קיין פראגע פון צוריקרופען דאס ווייס־בוך, אבער עס איז מעגליך א פארנונפטיגע ענדערונג.

אידישער און אראבישער איינפלוס.

מזרח און מערב.

דער צווישענשפיעל פון די כחות, ווי איינער האט בעשריבען אלס דער אידישער איינפלוס אויפ'ן מערב און אראבישער איינפלוס אויפ'ן מזרח, און צווישען וועלכע די רעגירונג האט געמוזט האלטען דעם באלאנס מיט לארד פאספילד האלטענדיג פאר דער פרא־אראבישער גרופע, האט זיך נאך אמאל ארויסגעוויזען.

די אראבער זיינען כמעט געווען איבערצייגט אז זיי האבען געוואונען דעם קאמף, ווי באלד אז דאס ווייס בוך איז ניט צוריקגערופען געווארען, און אלס רעזולטאט איז דער ציוניזם רעדוצירט געווארען צו א נישטיגער קאלאניזאציאנעלע באוועגונג.

לויט די אפיציעלע ערקלעהרונגען אין לאנדאן, איז דער "הארץ" געווען גערעכט, ווען ער האט געזאגט, אז די אלע ערקלערונגען זיינען מעהר ניט ווי מאכלים, וועלכע ווערען צוגעגרייט אין דער ביוראקראטישער קיך פון קאלאניאל אפיס.

תהלים געגען דער פאספילד גזרה.

די דעבאטען אין פארלאמענט דעם 17־טען נאוועמבער, וועלכע זענען געווען צופרידענשטעלענד אין בעצוג אויף דעם גוטען ווילען מצד די ציוניסטען, האבען ענטהאלטען איין דראהענדען שטריך, מיט דעם וואס דר. שילס האט מרמז געווען, אז ער איז עפעס געווען ניט ערפאלגרייך אין צוזאמענשטעלען דעם מאנדאט. ער האט מעהר ניט גערעדט, נאר פון די ווערטער אליין איז געווען קלאהר, אז עס איז ניט אויסגעשלאסען אן אירגענד וועלכע ענדערונג אין מאנדאט, הגם וועגען אן ענדערונג אין דער מאנדאטען־מאכט איז ביי איצטיגען מאמענט נישטא וואס צו טראכטען.

ערשט שפעטער, ווען מעקדאנאלדס בריעף צו דר. וויצמאן איז ערשיענען, ווען די ערשטע טייל פון די פארהאנדלונגען איז פארענדיגט געווארען, איז דער דאזיגער גייסט פארשוואונדען.

אין תל אביב און אין מאה שערים האט מען דאן געזאגט תהלים געגען דער פאספילד גזרה, אין מאה שערים האט דאס תהלים זאגען אנגעהאלטען ניט ווייניגער ווי 40 טעג און פארענדיגט מיט'ן טראדיציאנעלען סיום.

סער דזשאהן טשענסעלארס לעצטער יאהר.

אין פארלויף פון בעריכטס יאהר האט זיך סער דזשאהן טשענסעלאר ארויסגעצייגט צו זיין א שטארקער פריינד פון דער פרא־אראבישער גרופע.

ווען ער האט אין סעפטעמבער 1930 שנעל צוריקגעקעהרט פון ענגלאנד צו זיין אין בלוט דורכגעווייקטען פאסטען, האט ער ארויסגעלאזען זיין היסטארישען אויפרוף געגען דער אראבישער ווילדקייט, צו יענער צייט איז ער אהן ספק געווען מיט דער בריטישער געמיינדע אין פאלעסטינע וועלכע האט זיך אויסגעדריקט אין צארן, אז דער איינציגער וועג צו בעהאנדלען די מערדער פון חברון, איז צו שיסען איינעם פון יעדערע צעהן.

אין פארלויף פון א וואך צייט האט ער מיט זיינע אייגענע הענד מבטל געמאכט זיין אויפרוף, ווען ער האט געפרובירט פארטיילען די שולד גלייך אויף גלייך צווישען די אידען און אראבער. פון דעמאלסט אן איז געווען קלאהר פאר יעדען איינעם זיין האלטונג אויפ'ן צד פון די אראבער.

ער איז דער מחבר פון דער טעאריע אין דעם סימפסאן־רעפארט, אז אפשאצענדיג די אויפנעהמבארקייט פון לאנד, מוז מען נעהמען אין חשבון די אראבישע ארבייטסלאזיגקייט.

די פאראָרדנונג אפצושטעלען די זונטאג־ארבייט ביי די 150 אידישע שטיינהאקער אין עתליה איז געמאכט געווארען מיט זיין צושטימונג. עס איז געבליבען פאר איהם צו אויסגעפינען נארמאן בענטוויטש אלס איד פאר אומפאסענד צו זיין גענעראל פראקוראר און דער פראמינענטער אידישער יוריסט, וועלכער האט געדיענט אונטער די צוויי בעריהמטע פארגענגער, און וועמען מען האט זייט דאן פארגעשלאגען גרעסערע פאסטענס אין אנדערע בריטישע קאלאניעס אלס שכר פאר זיין פארטריבען ווערען פון דער אידישער נאציאנאלער היים, איז געווען געצוואונגען צו נעהמען אורלויב.

אין גרויסע ווי אויך אין קליינע אנגעלעגענהייטען האט דער דריטער נציב, וועמענס דריי־יאהריגער טערמין פארענדיגט זיך סוף דעם אידישען יאהר, ארויסגעצייגט פאראורטיילען, וועלכע האבען געמוזט שטערען אדמיניסטרירען אומפארטייאיש.

צוליעב קליינע אינצידענטען האט ער פארבאטען אויף א צייט פוטבאל־מעטשען צווישען דער בריטישער ארמיי און אידישע קלובען.

ער האט זיך ניט גערעכענט מיט פאר־ארדנונגען פון געריכט, און האט אפשר זיך אליין ארויסגעשטעלט אלס פארלעצער פון יוסטיץ, פארהאלטענדיג מיט ארמיניסטראטיווע מאסנאמען, גרויסע לאנד פארקויפען, וועלענדיג אלץ נאכגעבען די אראבער, האט דער נציב, ווען ער האט באדארפט אויספיהרען בעשטימטע אינסטרוקציעס פון לאנדאן צונויפברענגען דר. וויצמאן מיט אראבישע פארשטעהער אין ארץ ישראל, בלויז מודיע געווען די אראבער וועגען די אינסטרוקציעס און געזאגט זיי, אז עס פארשטעהט זיך דאס מען קאן זיי ניט צווינגען צו טאן דאס, סיידען זיי ווילען דאס אליין.

דער הויפט סעקרעטאר האנדלענדיג לויט זיינע אינסטרוקציעס, האט געשטערט דר. וויצמאן צו בעזוכען עמיר און צו פארטזעצען די פריינדשאפט מיט'ן איצט פארשטארבענעם עקס קעניג האוסיין און מיט זיין זוהן עמיר אבדולאה, וואס איז שוין ארויסגעצייגט געווארען דורכ'ן בעזוך פון קאלאנעל קיש און דוד יעלין מיט איינינע חדשים צוריק.

א נציב האט געקאנט זאגען די חיפה'ער אידען, אז עס איז ניט כדאי צו בעשטימען א אידען אלס שופט אויפ'ן פלאץ פון א געוועזענעם אידישען שופט, אין אזא שטאדט ווי חיפה מיט א בעדייטענדער אידישער באפעלקערונג און אהן איין איינציגען אידישען שופט.

ער האט זיך אויך ארויסגעזאגט סיסטעמאטיש געגען אידישע ארבייטער אין עפענטליכע ארבייטען. צו די שעפען פון די דעפארטמענטען האבען איהם גענארט, וועלכע האבען געדארפט דורכפיהרען די פונקטען פון מאקדאנאלד'ס בריעף בנוגע דעם חלק פון די אידען אין די רעגירונגס ארבייטען, דער פאקט איז, אז אפילו אין דער אגריקולטור שולע פאר אידען, וועלכע איז געבויט געווארען פון דעם קאדורי פאנד, איז די צאהל פון אראבישע ארבייטער געווען צעהן מאל גרעסער ווי די אידישע און אין דער אראבישער שולע אין תל־כרם, וועלכע איז געבויט געווארען פון א אידישען פאנד זיינען קיין אידען גארניט געווען.

דער ראקפעלער מוזעאום אין ירושלים, וועלכער איז אויך אונטערן אויפזיכט פון דער רעגירונג, איז ריין פון אידען.

סער דזשאהן טשענסעלאר האט זיך בענוצט מיט זיין קורצען בעזוך אין לאנדאן אין מאי צו פארשטארקען דעם שכנים געזעץ, כדי צו מאכען נאך שווערער דעם לאנד־קויף דורך אידען.

אין עפענטליכע זיכערקייט האט ער ארויסגעוויזען פעסטקייט, אונטערשטיצט מיט מיליטער. אנרייצונגען האט ער בעהאנדעלט ענערגיש, אפשטעלענדיג איין אראבישע צייטונג נאך דער צווייטער, אבער פון דער אנדער זייט, כדי אויסצוגלייכען די רעכענונגען, האט ער ניט געשוינט קיין אידישע צייטונגען, אפילו ווען זיי זיינען ניט געווען שולדיג אין פראוואָקאציעס.

זיין האנדלונג אין דער זאפארטיגער אפשטעלונג פון "פעלעסטין" פאר'ן פרוב צו אויפלעבען דעם עלילת דם איז געווען שטארק און מוסטערהאפט.

די פארפאלגונגען פון קאמוניסטען האט זיך פארשטארקט צום סוף פון זיין אדמיניסטראציע.

דעם מופטים ערפאלגרייכער פארזוך צו מאכען פון דעם הר־המוריה א פאנטעאן פאר מוסולמענישע פיהרער, האט זיך אנגעפאנגען אונטער סער דזשאהן טשענסעלארס אדמיניסטראציע. צי, ווי דער "דבר" דענקט, דער גניום, וועלכער האט דורכגעפיהרט דעם שריט פון מחמד אלים פטירה, איז געווען א טייוולאנישער צו נישט, איז אבער א פאקט אז די פארבערייטונגען פאר דער צוקונפטיגער קבורה פון האוסיין אין ירושלים זענען געמאכט געווארען אין געהיים דורך דער ירושלימער רעגירונג, נאך פיעל פריהער איידער דער עקס־קעניג האט אויסגעהויכט זיין לעצטען אטעם.

ער האט מוחל געווען עטליכע מערדער פון צפת, וועלכע זיינען געווען פארמשפט אויף לעבענסלענגליכע געפענגענים, ער האט אבער קיין זאך ניט געטאן, כדי איבערקוקען דעם משפט אדער בעפרייען אורפאלי'ן אדער הינקעס'ן, די צוויי אידען, וועלכע זיינען פארמשפט געווארען נאך די 1929 אונרוהען.

כדי די עקזעקוטיווע פון דער אידישער אגענץ זאל זיין פארנאנדערגעטיילט צווישען זיך, האט ער עפענטליך סימפאטיזירט מיט דער ניט־ציוניסטישער סעקציע פון דער אגענץ.

לארד פלומער האט בעטראכט די אנשטענדיגע אדמיניסטראציע פון די מוניציפאליטעטען אלס נויטיגע פארבערייטונג צו נאציאנאלע זעלבסט־פארוואלטונג. סער דזשאהן טשענסעלאר האט ניט אויסגעזעהען צו זיין צופרידען פון דער מים־פארוואלטונג פון דער ירושלים'ער מוניציפאליטעט. ער האט אויך ניט בעטראכט אלס אונגאטירליך, אז די פלעצער פון די דריי אידישע פארשטעהער זיינען געבליבען ליידיג. איבערלאזענדיג די אידען אהן א שטים אין דער פארוואלטונג פון א שטאדט וואו זיי זיינען א מאיאריטעט. אהן די אידישע מיטגלידערס נויטיגע קאנטראל, איז קארופציע געווארען נאך מעהר היימיש ווי פריהער.

דער פיינסטער שריט אפשר פון סער דזשאהן טשענסעלאר, דער צווייטער וויכטיגער אין האלטען דאס לאנד רוהיג, איז געווען די אמנעסטיע אין צוזאמענהאנג מיט דעם פארקומענדען צענזוס פאר אונגעפעהר 10 טויזענט אידען, וועלכע זיינען געקומען אין לאנד אלס טוריסטען אדער אהן די ריכטיגע פאפירען. אבער זיין אדמיניסטראציע האט געזעהן צו פארשטעלען דעם וועג פון איינעם פון די וויכטיגסטע אידען, א מיטגליעד פון ועד הלאומי, וולאדימיר זשאבאטינסקי.

זיין זארגען זיך פאר דעם ארימען ערד־ארבייטער פון וועלכען אידען, זיינען ניט אויסגעשלאסען, האט ער ארויסגעצייגט אין דעם ארונטערנעהמען פון שטייערען אין דער צייט ווען ער האט אויף שנעל דורכגעפיהרט דעם רעוואלוציאנערען שכנים - געזעץ. און פאר דעם נאך האט די רעגירונג, אויף דער רעקאמענדאציע פון דער דזשאנסאן קראסבי קאמיסיע, בעשטימט 35 טויזענט פונט אויף אגריקולטורעלע הלואות אויף שפייז און פוטער פאר די פארמערס, וועלכע האבען געליטען פון דערטריקעניש און פון פעלד־מייז.

קיין איינער האט ניט געקאנט מעהר פון איהם צו חנפענען די אראבער, זיי זאלען אנהויבען רעדען צו אין לאנדאן אדער אין ירושלים וועגען דעם ענטוויקלונגס פלאן.

עס ווארפט ניט קיין שאטען אויף זיין קראפט צו צולייגען דאס, וואס די אראבער האבען עפענטליך אנגעהאלטען דעם סאבאטאזש ביז'ן סוף, וואס זיי האבען געקענט צושטימען אונאפיציעל און געהיים.

סער דזשאהן טשענסעלאר פארלאזט ארץ ישראל אהן חרטה. זיין נאמען בלייבט אויסגעקריצט אויף א גאס אין ירושלים, אויף וועלכער עס געפינט זיך דער געזונדהייטס צענטער, וועלכע נתן שטרויס האט אויסגעבויט, אבער וועלכען די אידען וועלען שטענדיג רופען "רחוב שטרויס", ניט אכטענדיג, ווי דער נאמען וועט זיין אפיציעל אין דעם שטאדט־פלאן.

יגור און עפענטליכע זיכערהייט.

א חוץ דעם שרעקליכען פארברעכען נעבען יגור אין אפריל, ווען צוויי חלוצות און איין חלוץ זיינען נעהרג'עט געווארען, און דאס מיסטעריעזע פארשווינדען סוף יאהר פון א חלוץ און חלוצה וועלכע זענען געגאנגען שפאצירען, זענען ניט געווען קיין ערנסטע אונרוהען.

דער פסח־סעזאן מיט'ן נבי־מוסה־פראצעסיע זיינען דורכגעגאנגען רוהיג.

דער צוזאמענשטויס צווישען דער מופטי־גרופע און אנטי־מופטי גרופע איז בעזייטיגט געווארען. דער מופטי האט געוואלט אפציהען די אויפמערקזאמקייט פון דער ערנסטער קריגעריי מיט די מוסולמענער פון חברון, האט ער אראנזשירט א געלד־זאמלונג אין דער צייט פון נבי־מוסה אויף אויפצושטעלען א מצבה אויף די קברים פון די דריי פארמשפטע אראבישע מערדער, וועלכע האבען בעצאהלט דאס העכסטע שטראף פאר זייער פארברעכען אין אויגוסט 1929.

דער ברוך אין דעם מוסולמענער־קריסטליכען לאגער, וועלכער איז געווען זעהר ערנסט אין אנהויב יאהר צוליעב א שטרייט וועגען א בית עולם אין חיפה און צוליעב דעם מארד פון א קריסטליכען רעדאקטאר, האט זיך צום סוף בערוהיגט, כאטש דער שטרייט קאן זיך נאך פארשטארקען איבער דער שטעלונג פון דעם אראבישען ראטגעבער אין דער ענטוויקלונגס קאמיסיע.

אן איבערבלייבעניש פון דעם 1929 אומגליק איז געווען דער פארשפעטיגטער משפט פון די עטליכע אראבער פון דארף קאלאניע, וועלכע זיינען געווען בעשולדיגט אין וועלען מארדען די בראזע־פאמיליע אין מוצא, אין דער צייט - ווען זייערע חברים אדער זיי אליין האבען ערמארדעט די מאקלעף־פאמיליע, די אידען האבען זיך געפיהלט פון דעם פארשפעטיגטען משפט און האבען בעטראכט אלס א פארלעצונג פון דעם שלום אפמאך אין מוצא.

די פרובען צו ווידער אויפלעבען דעם אנטי אידישען באיקאט זיינען דורכגעפאלען, און דאס אלטע שלאג־ווארט : "פארקויף די אידען אלץ, א חוץ לאנד, קויף פון זיי גארנישט א חוץ לאנד", איז געפאלען אויף טויבע אויערען.

מען האט זיך געפרובט ארימישען אין אידישע אקערען, און אויף עטליכע דרעש־פלעצער האבען "אונבעקאנטע" געשאסען.

א ים פון רעפארטען

צו דעם ים פון רעפארטען און רעקאמענדאציעס, אנהויבענדיג מיט סימפסאן איבער לאנדלאזיגקייט, דאן שטרוקלאנד איבער קאאפעראטיוון, דזשאנסאן קראסבי איבער דער לאגע פון פעלאכען, דער כותל־מערבי, שוין ניט רעדענדיג וועגען דעם דוויבינגען רעפארט איבער די רעארגאניזאציע פון דער פאליציי, (וועלכער איז קיינמאל ניט פארעפענטליכט געווארען, אבער לאנגזאם ווערט אריינגעבראכט אין קראפט), דער נאך אנפארעפענטליכטער רעפארט פון הער אדאנעל פינאנץ קאמיסיע, איז צוגעקומען לארד פאספילדס זענדונג איבער דעם ענטוויקלונגס־פלאן, א לאגישער פועל־יוצא פון די פריהערדיגע אויספארשונגען.

דער אידישער צד האט ארויסגעוויזען ברייטוויליגקייט צו אננעהמען די ענטוויקלונגס - פארשלאגען נאך דער בעאבזיכטיגונג פון דער רעגירונג צו פאראורטיילען די ארבייט פון דעם ענטוויקלונגס דירעקטאר, קריסטאליזירענדיג די צאהל פון די אזוי גערופענע בארענלאזע אראבער, איז געלונגען אפגעווענדעט געווארען דורך דער אידישער אגענץ.

די בעשטימונגען בנוגע דעם כותל מערבי זיינען אנגענומען געווארען דורך די אידען אלס א גזר־דין.

די פארזיכטיגקייט פון דער רעגירונג בנוגע דעם כותל־מערבי, אבווארטענדיג די נייע בעשטימונגען, איז גראטעסק געשילדערט געווארען, ווען דער ערצבישאף פון קאנטערבורי איז אפגעהאלטען געווארען פון צו בעזוכען דעם כותל, ווייל די רעגירונג האט ניט געוואלט אדער ניט געקאנט בעשליסען צו אידען, אדער מוסולמענער, אדער ביידע זאלען זיין דארט איהם אויפצונעהמען.

אהן א גענוגענדע סיבה האט די רעגירונג פארקלענערט די אפשאצונג פון

(פארזעצונג אויף פיידזש 3)

חשבון הנפש

פון ש. א. אבעללא.

די אידישע ימים טובים זיינען רוה־טעג, סטאציעס אין לעבען פון יעדען איד. עס שטראמט דאס לעבען אגן עס שלעפט מיט, מיט זיך דעם מענש. עס באשעפטיגט איהם און באלאסטעט איהם ביז גאר. דער איד איז א גאנצען טאג פארנומען מיט זיינע טאג טעגליכע לעבענס זארגען. ער האט קיין צייט ניט צו מאכען א שטיקעל חשבון און האט ניט די מעגליכקייט ארומצוקוקען זיך, וואו ער האלט אין דער וועלט, וואוהין דאס יאגעניש פיהרט איהם. איז געקומען דאס אידענטום און האט איינגעהאלטען דעם לעבענס לויף. א סטאציע האט זי איהם באשטימט אין דער פארם פון ימים טובים. דא בלייב שטעהן, קעהר זיך אפ פון דיין טעגליכען זארג און ווארף א בליק אויפ'ן וועג, וואס דו ביזט אפגעגאנגען.

און א סך חשבונות ווארטען אויפ'ן לעצטען סך הכל, א סך באלאנסען דארפען פארענדיגט ווערען, און דער וואס איז א בעל־נפש, דער וואס האט א פיהלענד הארץ, זאל זיך אפרעכענען מיט גאט, מיט זיך אליין, ער זאל זיך אפרעכענען מיט זיין חבר. אבער עס זענען נאך פארבליבען א סך פארנאכלעסיגטע חשבונות, צו וועלכע מען האט זיך נאכניט צוגעריהרט, די חשבונות זיינען ניט בלויז בין אדם למקום, אויך ניט בלויז בין אדם לחברו. זיי זיינען כולל ביידע צוזאמען, דאס זיינען די חשבונות וואס יעדער יחיד האט מיט'ן פאלק.

און די טעג זיינען טעג פון תשובה, טעג פון חשבון הנפש, ימים נוראים'דיגע טעג. א הזליגע אצילות נידערט אראפ פון הימעל אויף דער ערד, זי הילט יעדען איד ארום מיט קדושה, זי פיהלט יעדעס אידישע הארץ אן מיט א הייליגען ציטער און יראת הרוממות, זי ריהרט אן אין די פארבארגענע סטרונעס פון מענשליכען הארץ, און זי ברענגט ארוים טענער פון בענקשאפט צו דאס הויכע און ערהאבענע, צום אלערהעכסטען.

און דער איד מאכט דעם חשבון מיט זיין פאלק : איך בין א קינד פון אן אלט פאלק, א פאלק וואס איז אויסגעפרואווט געווארען מיט גרויסע נסיונות, א שעפער פון אן ערהאבענער קולטור, דער פיאנער פון דער מענשליכער מאראל, באשאנקען מיט אויסערגעוועהנליכע גייסטיגע פעהיגקייטען און דאך — א יחיד שבאומות, גויאנע[illegible] אין געלאגט, ערנידערט און דער־דר[illegible] ראנגעלט זיך פאר זיין עקזיסטענץ מיט די גרעסטע יסורים. וואס האב איך געטאן בכדי צו העלפען — און ראטעווען דאס פאלק ?

און דער איד פיהרט זיין חשבון ווייטער. א פאלק געהט בויען זיין חרוב געווארענע לאנד, מיט זיינע לעצטע כחות בויט ער עס. די לעצטע אנשטרענגונגען, דאס לעצטע ביסעל קרעפטען לייגט ער אריין אין דעם אויפבוי ווערק. מיט'ן בלוט און שווייס פון זיינע בעסטע קינדער בויט ער עס, ער שפרינגט אויף פעלזען, ער מאכט זומפען פאר בליהענדע גערטנער — און איך בין אויסער דעם אלעם, איך שטעה פון דער ווייטענס, איך לייג ניט צו דערצו דעם מינדעסטען פינגער.

יונגע קינדער נעהמען אויף זיך גוטוויליג ארויף דעם לאסט פון אויפלעבען דאס פאלק און לאנד, זיי ברענגען פאר א קרבן זייער יוגענט זאפט, זיי אנטזאגען זיך פון אלע אנגענעהמליכקייטען. די רייצענדע יוגענט שטרעבונגען שטויסען זיי אפ פאר די צוקונפטס שטרעבונגען פון זייער פאלק. זיי שטעלען זיך אין גרעסטען געפאהר. ווי אמת'ע העלדען שטעהען זיי אויף דער וואך צו באשיצען דעם אידישען כבוד און דאס אידישע לאנד, ווי מיר האבען עס געזעהן אלעמאל און איבערהויפט ביי די ארץ ישראל געשעהענישען אין 1929. עס איז אוועק יעדער מורא. זיי לאכען פון יעדע שרעק, ווייל די האפנונג פון זייער פאלק שטארקט זיי, מונטערט זיי. און איך ?

פארזונקען אין עגאאיסטישע פארלאנגען, א געפאנגענער, א פארשלאסענער אין א קרייז פון אייגענע קליינליכע פארנעניגענס.

א לאנד בויט זיך, א לעבען שאפט זיך, א לעבען פון א ניי געבוירען פאלק, א האלב פארגעסענע שפראך לעבט אויף. איך ? ניט איך האב מיטגעהאלפען, ניט איך האב מיטגעארבייט, ניט איך האב געהאט די יסורים פון ארבייט, ניט די פרייד פון שאפען.

און דער איד פיהרט ווייטער דעם חשבון :

"מזונותיו של אדם קצובות מראש השנה עד סוף השנה", דאך ארבייט איך פאר פרנסה. איך מאטער און פלאג זיך, איך האנדעל און וואנדעל. און פון גאט בעט איך, ער זאל מיר שיקען הצלחה אין מיין ארבייט, גאט זאל שיקען די ברכה, און איך וועל ארבייטען. פארוואס ווארף איך פון מיר אראפ די לאסט פון די פאלקס באדערפענישען ? פארוואס לאז איך איבער אויף גאט, כביכול אליין, סיי די ברכה און סיי די טאטען, גלייך ווי צו מיר וואלט עס קיין שייכות ניט געהאט ?

און דער חשבון ציהט זיך ווייטער : ארץ ישראל, דאס לאנד וואס "עיני ד' בה מראשית השנה ועד אחרית השנה", איז פארלאזען וויסט, געפאנגען ביי פרעמדע. עס איז אויף איהר געקומען די צייט אויסגעלייזט צו ווערען, און שווער איז די גאולה ארבייט. טריט ביי טריט ווערט זי אויסגעלייזט, ווייל דער חשבון שטעלט זיך צוזאמען פון פרוטות, און די פרוטה איז נישטא. און דער מאמענט פאדערט, עס איז א געפאהר, אז די אזוי אויך גענוג שלעכטע סיטואציע זאל נאך מעהר פארערגערט ווערען. די ארבייט איז גרויס. פארוואס זיץ איך מיט פארלייגטע הענט און העלף ניט מיט אין דער הייליגער ארבייט, ווי מיט מיר וואלט זי זיך ניט אנגעהערט.

און די טעג פון יום טוב, אין די הייליגע טעג, ווען "זכור כל מעשה לפניך בא" אין "יום הזכרון", זאל זיך יעדער איד מאכען דעם חשבון הנפש און זיך דערמאהנען אין די גרויסע פליכטען פון יעדען אידישען יחדי לגבי דעם פאלק און לאנד. זאל ער ביי זיך באשליסען מיט אלע זיינע מעגליכקייטען צו העלפען די ארבייט פאר קיום האומה און פאר תחית הארץ. זאלען קומען מעשים, וואס זאלען ארויספליסען פון א צדק'דיגער באציהונג צו ציון און פון אמונה צו גאט און זיין פאלק.

עס איז איצט א צייט פון חשבון הנפש.

רוקח'ס*
כשר
נייעפעט*
[illegible]*

א פיור וועדזשעטייבל פראדוקט
צום פרייען, קאכען און באקען
כשר לפסח

געשמאק, געזונד און לייכט צום פארדייען. געברויכט עס צום בראטען פלייש, טשיפס, צו מאכען לאטקעס, פראיען פאטייטאס, אויף געהאקטע לעבער, און אנדערע פליישיגע מאכלים, ווי אויך אויף מילכיגע מאכלים, ווי פרעגלען פיש, פראיען אייער, א. ז. ו.

צו באקומען אין אלע גראסעריס

I. ROKEACH & SONS, Inc.
Brooklyn, N. Y.

רוקח'ס
נייעפעט

* Reg. U. S. Pat. Off.

דער מאגען?
עקס-לאקס!
(אין ענגליש EX-LAX)

נייעס פון איבער גאנץ קאנאדע

פרעמיער פון קוויבעק אויף וויכטיגער קאנפערענץ אין אטאווא

קוויבעק, סעפטעמבער 15.

פרעמיער טאשערא איז היינט ביי־נאכט אפגעפאהרען קיין מאנטרעאל, וואו ער וועט פארברענגען דעם טאג. און אין אוונט אפפאהרען קיין אטאווא אויף א קאנפערענץ מיט פרעמיער בענעט.

די וויכטיגסטע פראגע, וועגען וועלכע עס וועט פארהאנדעלט ווערען אויף דער קאנפערענץ צווישען דעם פרעמיער פון קוויבעק און דעם פרעמיער פון קאנאדע וועט זיין די באהארנוא פראגע. פאר זיין אפפאהרען האט פרעמיער טאשערא דערקלעהרט, אז ער וועט זוכען צו באהאנדלען די אלע פונקטען וועגען באהארנא, וואס זיינען לעצטענס דיסקוסירט געווארען צווישען דער פעדעראלער רעגירונג און דער קוויבעקער. דער עיקר איז געהט אבער אין דעם, אז די ארבייט אויפ'ן באהארנוא פראיעקט, ביי וועלכען עס זיינען באשעפטיגט עטליכע טויזענט מאן, זאל ניט אפגעשטעלט ווערען. ער וועט אבער פאר קיין פאל ניט נאכגעבן פון די רעכט פון דער פראווינץ איף [illegible] באהארנוא פראיעקט.

עס וועלען אויך אויפגענומען ווערען די פראגען וועגען פארשיעדענע עפענטליכע ארבייטען וואס זיינען שוין טיילווייז אנגעהויבען געווארען אין דער פראווינץ.

טאשערא וועט פארברענגען אין אטאווא בלויז איין טאג, אזוי אז ער וועט זיין צוריק אין קוויבעק דאנערשטאג, ווען די אלע פראגען וועלען באטראכט ווערען אויף א קאבינעט זיצונג.

מאנטרעאלער שטאט־ראט נעמט אן אידישען אלדערמאנס פלאן פאר פרייער דעפארטאציע

מאנטרעאל, סעפטעמבער 15.

דער שטאדט ראט האט ביי נעכטיגען [illegible] אנגענומען די רעזאלוציע פון אל־[illegible] בערל שווארץ, [illegible] ווענדען צו דער דאמיניאן רעגירונג זי [illegible] שיקען די ארבייטסלאזע איינוואנדערער, וועלכע ווילען עס פארלאנגען.

רעדענדיג וועגען זיין פארשלאג האט אלדערמאן שווארץ געזאגט: "איך דענק אז דאס פרייוויליג אומקעהרען צום היימלאנד דארף פארלאנגט ווערען פון דער רעגירונג. טויזענטער זיינען וויליג צוריקצופאהרען צו זייערע היימען, ווען זייערע רייזע קאסטען וואלטען באצאהלט געווארען. עס וואלט געווען ביליגער צו באצאהלען זייערע הוצאות, איידער זיי געבען דירעקטע שטיצע פאר אן אומבאשטימט לאנגער צייט, ווייל קיינער ווייס ניט ווי לאנג די געדריקטע לאגע וועט אנהאלטען.

"טויזענטער פון די פרעמדע זיינען געקומען לכתחלה פאר דער וועסט. זיי קומען יעצט איסט, און באזונדערס קיין מאנטרעאל. דער פלאן דארף אבער אפעלירען אויך צו דער וועסט, פונקט ווי צו מאנטרעאל".

מעיאר קאמיליען הוד האט צוגעשטימט, אז דער פלאן איז א געזונטער, און האט באשלאסען צו באשטימען א דעלעגאציע, וואס זאל איבערגעבען דעם פארשלאג צו דער רעגירונג.

פרוי פון טאונשיפ קאונסילאר פארברענט צוזאמען מיט'ן הויז

בראנטפארד, אנט. סעפטעמבער 15.

ווען איהר מאן, טשארלס הערים, מיטגליעדער פון אנאנדאגא טאונשיפ קאונסיל איז געווען אין אנאנדאגא, נעכטען נאכמיטאג, האט מרס. טשארלס הערים געפונען ביי זיך אין הויז איהר טראגישען טויט.

קלאר ווי אזוי עס איז געשעהן, ווייסט מען ניט. מען רעכענט אז אין דער צייט ווען זי איז געווען פארנומען מיט באקען, האט אנגעהויבען ברענען אין קוימען. זי איז ארויף אויבען צו זעהן, וואס עס איז געשעהן, און איז איינגעפאלען א פארטשאדעטע פון רויך.

דער פייער האט דערווייל ארומגעכאפט דאס גאנצע הויז. און ווען די פייערלעשער זיינען אנגעקומען האבען זיי געטראפען א טייל פון הויז שוין איינגאנצען פארברענט. און דעם פארברענטען קערפער פון מרס. הערים צווישען די חורבות.

55 יאריגער זון באשולדיגט אין טויט פון זיין פאטער

בארי, סעפטעמבער 15.

וועסלי קעמפבעל פון עליסטאן, 55 יאהר אלט, איז דערשיינען אין פאליס־קאורט נעכטען און איז פארמעל באשולדיגט געווארען אין מארד פון זיין פאטער, וויליאם קעמפבעל, אין זיין הויז אין עליסטאן מיט א וואך צוריק. דער באשולדיגטער האט דערביי קיין דערקלעהרונג ניט געמאכט.

ער בלייבט אין דזשייל ביז דעם 18־טען סעפטעמבער, ווען דער ערשטער פארהער וועט פארקומען. וועסלי קעמפבעל וועט אויך זיין דער הויפט עדות ביים קאראנערס אויספארשונג צו באשטימען וועגען זיין פאטערס טויט.

דער אלטער קעמפבעל איז מיט א וואך צוריק געפונען געווארען טויט אין קעלער פון זיין הויז. אויבען פארשלאסען אין א שלאף־צימער האט מען געפונען זיין זוהן, דעם באשולדיגטען וועסלי קעמפבעל, מיט אן איבערגעשניטענעם האלז. ער איז ביז יעצט געווען אין האספיטאל, וואו ער האט זיך אויסגעהיילט פון דער וואונד, וואס ער האט זיך אליין פארשאפט מיט א ראזיר מעסער.

קאמוניסטען פון סו. פאהרען אפ קיין רוסלאנד

סו סט. מערי, סעפטעמבער 15.

צוויי און צוואנציג מיטגליעדער פון דער היגער קאמוניסטישער פארטיי זיינען אפגעפאהרען קיין רוסלאנד, וואו זיי רעכענען פארבלייבען. זיי פאהרען אפ דעם 18־טען סעפטעמבער פון האליפאקס.

זיי זיינען ביים צוג באגלייט געווארען פון א גרויסער גרופע קאמוניסטישע פריינט, וואס האט געזונגען רעוואלוציאנערע לידער.

נאך א גרופע קלייבט זיך אפצופאהרען אינגיכען.

איבערראשענדע נייעס
פאר טאראנטאר אידען
ספעציעל פון די וועסט.
מיר האבען איינע פון די גרעסטע סטאקס פון
באיס סוטס
אווערקאוטס און אלערליי פענטס
רעדי מייד און געמאכט צו ארדער.
ביליגע פרייזען, צופרידענהייט גאראנטירט.
טימיאנאף טיילארס
815 דאנדעס וועסט

ארינא גארדענס
(עקזיבישאן)
דאנערשטאג, 17 סעפטעמבער
8.30 אוונט
ביז א פיניש
דזשא מאציעוויטש
נעגען פרענק דזשודסאן
סעמי פיינאל באוט
עד. (דאן) דזשארדזש
נעגען דזשא. זארינאף
גוטע פרעלימינארע באוטס
פלען מודי'ס, שאולס, קינג עדווארד, ארינא.
פרייזען 60 סענט ביז $2.25
טעקס איינגעשלאסען.
איוואן מיקאילאף
מעטשמייקער, ארענא אטלעטיק קלוב
טעל. ווייווערלי 1967.

היינט און א גאנצע וואך!
דזשאנעט גיינאר
טשארלס פארעל
„מירעלי מערי ען"
די גאנצע וועלט ליעבט דיעזע געליבטע!
די טריאומפען פון זייער קאריערע . . . א סענטימענטאלישע געשיכטע פון א ליבע, וואס האט גובר געווען אלע שטערונגען צו פאראייניגען צוויי הערצער, וואס האבען געקלאפט ווי איינס!
אויפ'ן סטיידזש:
מארש מיליטער
מיט רעי טיל
זיין אפשיידס וואך. טשארלס אירווין, דער הומאריסטאקראט. טענצער־קלאונס, מיליטערישע מיידלאך און סאנקיסט מיידלאך.
טשוירסטאן
פערזענליך
דער גרעסטער כשופמאכער אין דער וועלט און זיין קאמפאני.
IMPERIAL

איבערראשענדע נייעס
סוטס
מיט צוויי פאר הויזען, ערשטע קלאסיגע קאסטאם ארבייט.
$35.00
אווערקאוטס $32
פון די שעהנסטע און בעסטע ווארעס — לייטעסט סטייל. גאראנטירטע קאסטאם ארבייט.
לאזט ניט דורך די געלעגענהייט איינצושפארען געלט. קומט און איבערצייגט זיך. צופרידענהייט גאראנטירט.
מערי טעילארס
167 ספעדיינע עוועניו
(ארום קווין סט)
טעלעפאן עדעלייד 1733

צו אלע אידען פון טאראנטא

אין שטאדט איז יעצט פאראן טשיקענס וואס ווערען גע־הרג'ט פון פרעמדע, אומפאראנטווארטליכע פושעים ומורדים לדת, וואס זענען געדונגען געווארען צו דעם צוועק פון געוויסע מופקרים. און די נבלות ווערען פארקויפט אלס כשר.

די מופקרים זאגען, אז זיי האבען א רב וואס ער איז מתיר אסורים, מיט'ן נאמען הורוויץ. ערקלעהרען מיר אייך, אז עס איז א חרפה פאר אידען אזעלכען צו געבען אזא סארט נאמען. די אידען וואס גלויבען אין השי"ת און האלטען פון דער תורה און ווייסען פון א שולחן ערוך, זאלען ווייסען, אז דער מאן איז אן עם הארץ דאורייתא ממש. פונקט ווי א גוי ווייסט צו פסק'ענען א אידישע שאלה, אזוי פיעל ווייסט הורוויץ אין א שאלה.

זאל ער פארקומען פאר וועלכען רב עס איז. אין די אויגען פון וועלכע בעלי בתים עס איז. וועט איהר זיך אליין איבערצייגען.

מיר זאגען אייך דעם אמת פון דער זאך. פארשטעהט און ווייסט אז זיינע שאלה'ס זענען נבלה וטריפה. דער מאן האט גאר קיין שייכות מיט אזעלכע זאכען.

אידען לאזט אייך ניט פארפיהרען!

היט אייך פון נבלות

אין 129 פאלמערסטאן עוועניו, אין
33 קענזינגטאן עוו. אין די „ריער"
אין די 2 פלעצער הרגנ'טען די טשיקענס
אויך די שחיטה פון נחום אורי שעכטער
פון בעי סטריט
און גרינבערג פון ליפינסאט סטריט
איז נבלה וטריפה

היט אייך פון פאלשע טיקעטס. וואס די מופקרים האבען נאכגעמאכט.

די כשר'ע טיקעטס האבען א רויטען שטריך, מיט אן ענגלישער אויפשריפט

Under the supervision of the Council of Orthodox Rabbis

ווען איהר קויפט א טשיקען גיט אכטונג אויף דעם כשר'ן טיקעט!

משרד און ועד הרבנים

MODERN Photo STUDIO
מ. שליאכטער
פאטאגראפער
452 קווין סטריט, וועסט
טריניטי 6569
די גרעסטע איינציגע אידישע ערשט־קלאסיגע פאטאגראפיע פאר די לעצטע 15 יאהר, וועלכע ווערט פאטראניזט פון אלע קלאסען אידען, ווייל אונזער ארבייט איז גאראנטירט.
ארדערט אייערע לשנה טובה'ס אין צייט. צו יעדען ארדער א בילד געמאכט פריי.
ספעציעל געמאכט חתן־כלה בילדער און גרופעס נאך דער לעצטער מאדע.
אויך האבען מיר ווייילס פאר כלות צוגעפאסט צו יעדער איינער.

גאלדענבערג'ס כשר רעסטאראנט
באזונדערע פלעצער פאר
- מילכיגס און פליישיגס -
די אמת'ע כ ש ר ה סיסטעם
עקזיסטירט זינט 1908.
273־275 ספעדיינע עוועניו. טעלעפאן טריניטי 0444.

דער ווינטער קומט — באזארגט אייך מיט דאס בעסטע
קאל־א־מאטיק בלאוער
מיט דעם שטופ און שלעפ מאטאר איז אנערקענט אלס דער בעסטער. די מערסטע בלאוערס וואס ווערען באנוצט זענען —
קאל־א־מאטיק בלאוערס
די גרעסטע און מאדערנסטע בילדינגס זענען אויסגעשטאט מיט —
קאל־א־מאטיק בלאוערס
איהר קענט דערגרייכען עקאנאמיע און באקוועמליכקייט בלויז מיט איינעם פון די —
קאל־א־מאטיק בלאוערס
ווענדעט אייך פאר אינפארמאציע ווענגן —
קאל־א־מאטיק בלאוערס
צו — טשארלס גודמאן!
טעלעפאן עדעלייד 1753

STANDARD THEATRE
I. AXLER, GEN. MGR. W. GOLDFADEN, DIRECTOR ABE COGUT, COMPANY MGR.
TELEPHONE: TRINITY 4310
קונסט טרופע לכבוד דעם 10 יאריגען יובילייי
אב. קאגוט פרעזענטירט די גרויסע קינסטלער קא.
מערי יודעל וואלף
סייטאן דזשינסקי גאלדפאדען
אנא טייטעלבוים, אסתר פיעלד, בעקי לעש, סטעלא שולמאן, יצחק ליפינסקי, סימאן קראסנאוו, היימאן האפפארט, פיליפ אמאסין און נחום טאוויס.
יעדער איינער א קינסטלער שוישפילער, מיט די גרעסטע דריי אקטיארען אין דער שפיץ.
די יום טוב'דיגע דערעפנונג וועט פארקומען ווי עס פאסט פאר א יובילעי דערעפנונג
מאנטאג אוונט, מוצאי יום כפור
סעפטעמבער דעם 21־טען
מיט א פיעסע, וועלכע פאסט פאר אזא געלעגענהייט.
„דער חלום פון גליק"
ס. מ. קאהנ'ס לעבענס בילד מיט געזאנג
אויפגעפירט פון וואלף גאלדפאדען
בענעפיטס פאר סאסייטיס, לאדזשען, ארבייטער רינג מעמבערס, און אויך טיקעטס פאר פרייוועט פערזאנען שוין צו באקומען. בוקט אייערע דייטס.
דאס מענעדזשמענט.



קומט אנקוקען דעם
„וועלש בלאוער"
שפארט אייך געלט, צייט און קוילען
באווארימט אויטאמאטיש אייער הויז
איז פולשטענדיג גאראנטירט.
פרייע סערוויס. לייכטע באדינגונגען
וועלש בלאוער און סטאקער קא.
באנק אוו נאווא סקאשיא בילדינג
דאנדעס און ספעדיינע
טריניטי 2436.
א. ווייט, סיילס מענעדזשער.
דער „וועלש בלאוער" צאלט פאר זיך אליין

היוויה גאלדסטיק, ב.א.ס.
באריסטער א. אז. וו.
אנאנסירט אז ער האט איבערגעפיהרט זיין אפיס צו: —
318 פעדעראל בילדינג
85 ריטשמאנד סטריט וועסט, טאראנטא.
טעלעפאן עדעלייד 4196
פריוואטע פאנדס צו באקומען אויף ערשטע און צווייטע מארטגיידזשעס און פאר פרעלימינארי בילדער'ס לאונס.

לאיערס דזש. דזש. גלעס און אי. פ. דיקלער
— פון —
גלעס, דיקלער און קא.
רום 501 דאמיניאן בילדינג, 465 בעי סט.
אפיס טעלעפאן עדעלייד 1168 — 1169
אלגעמיינע, ציווילע און קרימינעלע לאו־פראקטיק
געלט געליען און אינוועסטירט אויף מארטגעדזשעס.

אפיס טעלעפאן: עלגין 1619
נאך אפיס שטונדען: טריניטי 1446.
לאיער
ה. ס. מאנדעל
— פון —
גודמאן און מאנדעל
באריסטערס, סאליסיטארס א. אז. וו.
רומס 40—41 אימפיריאל באנק בילדינג 171 יאנג סטריט

אפיס:
45 ריטשמאנד סט. וועסט
705 סענטראל בילדינג.
אפיס טעלעפאן:
ווייווערלי 2211
הויז טעלעפאן קינגסדייל 3419.
לאיער ב. ווינבערג ב.א.
באריסטער, סאליסיטאר, נאטערי פאבליק
געלט צו לייען אויף מארגיידזשעס.
מארגיידזשעס געקויפט.